ספר

# דרך אמת

איין וואהרהאפטיגע וועג דיא יודישע גאנג פון מצרים קיין ארץ ישראל.

איבער געזעצט פון לשון קדש אויף זשארגאן

צוא טהיילט אין צוויא טהייל: דער ערשטער ווייזט דיא גאנג פון מצרים קיין ארץ ישראל, אונד דער צווייטער בעשרייבט דיא גרענעצין פון ארץ ישראל.

הערוים גענומען געווארען פון פיעל ספרים, פון גאונים, פון חומש, פון נביאים, פון גמרא אויך פון מדרשים אונ נאך פון פיעל ספרים גרויסע, אויך איז הערוים גענומען געווארען פון געאגראפיע פון אלערליי רוססישע בעשרייבונגען אויך פון יעצטיגע גרויסע שרייבער אללעס אויף ריכטיג געשריבען.

פון מיר

אביגדור ב"ר מרדכי מאלקאוו

פון סוראז (טשערניגאווער גוב.)

עדת ישראל על ה' בווילנא

וואַרשא

שנת תרנ"ה לפ"ק

# פארערעדע.

ליעבע לעזער! איך בעט מעהר עס װעט לעזען דיזען בוך ד"ה דיא בעשיידונג אונ דיא איבערזעצונג פון דעם ספר „דרך אמת", גיט צוא איילען, נור בעקלעהרען יעדער זאך גוט אין זיין איזהאלט, ד"ה איינקוקען זיך גוט אין דיא קארטע אונ דאסגלייכען אין דיזער בעשיידונג, דאנן פערהאף איך אז עס װעט יעדער פון איהם האבען פערגניגען, אונ עס װעט איהם זיין צוא נוטצען. דער ספר איז הערויסגענומען פון פיעל גרויסע ספרים פון פריערדיגע אונ יעצטיגע גאונים אויך פון געאגראפיעס. דארפען דארף יעדער מענש וויססען דיא גרויסע נסים װאס גאטט האט געטאהן מיט אונזערע עלטערן, פון זייער ארויסגאנג פון „מצרים" ביז זייער קומען קיין „ארץ ישראל", אויך דיא נסים פון „ים סוף", אונ דער אדורכגאנג דיא מדבריות, וויא אויך דיא גאנג פון דיא לאנדער פון דיא אנדערע פעלקער װאס האבען זיך געגרעניצט מיט ארץ ישראל וויא למשל ארץ סיחון ועוג, ארץ עמון, מואב, אדום, הר שעיר, סוריא, עמלק, דלתא, וויא אויך דיא אללע מלחמות װאס יודען האבען געהאט. — אין צווייטען טהייל װערט בעשריבען דיא זיצונג פון ארץ ישראל, וויא עס איז געוועזען פארצייטען אונ וויא עס געפינט זיך יעטצט: אללע ימים, טייכען, בארג, טאהלען, שטאדט, דארפער, פעלדער אונ װאלדער, וויא פון אונזער היילינג לאנד ארץ ישראל, וויא אויך פון אללע לאנדער װאס גרענעצין זיך מיט איהר. — עס נוטצט אויך, אזוי וויא מיר האפפען אז אין גיכען װעט אונז גאטט ב"ה ברענגען אהין קיין ארץ ישראל, אונ דיא גאולה װאס מיר האפפען אויף איהר יעדער טאג װעט זיא זיין גלייך אזוי וויא דיא גאולה פון מצרים, אונ פיעל פון אונז װעלען מוזען געהן מיט דער איינגענער װעג וויא מען איז געגאנגען פון מצרים איבער דעם איינענעם מדבר, אויך איבער דעם בארג שעיר װאס הייסט ארץ אדום. אונ דרויף װייזט דער פסוק אין מיכה קאפי' ז' פסוק כ"א: כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, ד"ה אזוי וויא דיא טאג פון ארויסגאנג פון מצרים װעל איך איהם װייזען וואונדער, אונ נאך איין פסוק אין יחזקאל: והוצאתים אל מדבר העמים. ד"ה איך װעל זייא אויסציהען אין דעם מדבר פון דיא פעלקער, ביידע פסוקים װייזען אויף דעם אויסלייזונג װאס מיר װארטען יעצט אין גיכען — דרום איז נוטצליך צו וויסען דיא װעג. דאס גלייכען איז דא פארהאנדען פיעל פסוקים פון דער תורה װאס זענען בעשייד געװארען, וויא מען קען זעהן אין דעם לשון־הקודש'דיגען בוך, אונ איך האב דאס איבערזעצט אויף זשארגאן, כדי עס זאלל פארשטיין יעדער פון גרויס ביז קליין. ובזכות זה װעלען מיר זוכה זיין אין ארץ ישראל געהן, במהרה בימינו אמן.

דער פערפאססער.

## כְּלָלִים וואס איז נאָטהיג צוא וויסען צוא פארשטעהן דיא קארטע (מאַפּע).

א אַללע נאָמען פון דיא שטאָדט וואס געפינען זיך אין דיא קארטע, אויך דאסגלייכען דיא נאָמען פון אַללע יַמִים, בארג, טייכען, טאהלען, מִדְבָּרִיוֹת אונ גרענעצין זיינען אויך געצייכנט אין דעם סֵפֶר אונ געוואָרען מְפוֹרָשׁ.



ב אַ עִיר מִקְלָט איז געצייכנט אין דער קארטע מיט דעם צייכען

ג אַשטאָדט פון דיא לְוִיִם

ד אַגרויסע שטאָדט

ה אַ אָרט וואס דיא יודען האָבען דאָרט גערוהט

ו אַקליינע שטאָדט

ז איודישע קאָלאָניע

ח אַוועג פון אייזענבאהן

ט אַשפּייזענע וועג (שאָסֶע)

י אַגעוואָהנליכע וועג

יא אַוועג וואס דיא יודען זענען אין איהם געגאנגען

יב דיא גרענעצין פון לאֶנדער

יג דיא גרענעצין פון דיא שְׁבָטִים

יד. וואו עס שטעהט דאס וואָרט „מַעֲלָה" הייסט דאס פופצעהן פַּרְסָאוֹת. אַ פַּרְסָה איז פיער מייל, ד"ה רוסישע פיער וויארסט.

טו. דער מאסשטאב וואס געפינט זיך אין קארטע: וואס עס געפינט זיך אין דעם אָרט פון יַם הַתִּיכוֹן האלט ער הונדערט אונ פינף וויארסט. מיט דעם מאסשטאב קענן מען מעסטען דאס לאַנד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סוריא אונ סִיחוֹן וְעוֹג. עס געפינט זיך אין קארטע נאך אַ מאסשטאב וואס איז געמאהלט געוואָרען ארום מִדְיָן אין דער רעכטער האַנד פון דער קארטע, האלט ער ניינציג פַּרְסָאוֹת, מיט איהר דארף מען מעסטען דאס לאַנד מִצְרַיִם אונ אַללע מִדְבָּרִיוֹת.

טז אומעטום וואו עס געפינט זיך דיא נאָנג פון אַטאג מיינט מען דאס פערציג וויארסט, אַשָׁעה מיינט מען פיער וויארסט.

יז. אז מען האלט דיא קארטע אין האַנד. הייסט דאס געגען מִזְרָח, אונ צוא דער

רעכטער



רעכטער האַנד דָרוֹם, צוא דער לינקער האַנד – צָפוֹן, אונ דער אונטען פון דער קארטע הייסט מַעֲרִיב.

יח. וואו עס שרייבט זיך פוּט, דארף מען וויסען אז אין איין אָרט געפינט זיך זיבען פוּט.

יט. דער בעשטאַנד פון מיין בעשיידונג איז ארויסגענומען געוואָרען פון אסך היילגע סְפָרִים, וויא מען קאן זעהן אין לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ'דיגען בוך. אויך פון געאָגראפיע פון דעם בעריהמטען מענשען זָנְוו, אויך סניבערט הַנוֹסֵעַ, אוסטין הַתַּיָּיר, ה' אָשֶׁר ראַדין, ה' בירנהארט, ה' אליפאנט, ה' קארפעל.

כ. וואו מען וועט געפינען אין דעם בעשיידונג דיא ווייטקייט פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, אונ אז מען וועט מעסטען מיט דעם מאסשטאב אין קארטע וועט נישט אויסקומען דיא ריכטיגע מאָאס, איז באֱמֶת ריכטיג וויא אין דיא בעשיידונג שטעהט, ווען עס איז פארהאנדען בארג אונ טאהלען וואס מען קענן אין דער קארטע ריכטיג נישט אויסמאהלען.

כא. מען דארף נאָטהיג וויסען אז דערום רופט זיך דיא זייט פון דער וועלט מִזְרָח, ווייל דיא זונן הויבט אָהן פון דָארט צוא שיינען, אונ געגען דיא זייט רופט זיך מַעֲרָב, ווייל דָארט טוהט דיא זונן פארגעהן, הייסט צוא מישט (עָרוֹב אין דער טייטש פארמישען) נאכט מיט טאג. – אין רעכטער זייט הייסט „דָרוֹם" (אויך „תֵּימָן" אונ „נֶגְבָּה") ווייל אין דער זייט איז דא מעהר זיצער וויא אין דער צווייטע זייט, (דָרוֹם איז פון דִּיוּרִים – איינוואוהנער) אונ ווייל דיא זייט איז שטארק טרוקען דען אין איהם איז דא פיעל דיא זונן הייסט ער נֶגְבָּה, ד"ה טרוקען (נֶגֶב, איז טייטש טרוקען), אונ תֵּימָן רופט ער זיך ווייל עֵשָׂו'ס זוהן תֵּמָן זיצט אין רעכטען זייט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, – דיא לינקע זייט פון דער וועלט הייסט צָפוֹן, ווייל דָארטען איז נישט דא קיין זונענשיין אונ עס איז בעהאלטען (צָפוֹן איז טייטש בעהאלטען). –

כב. אַללע פערפאססער פון דיא גרענעצין פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָבען בעשיים נאך דיא פְּסוּקִים פון תּוֹרָה אונ פון סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ. איטליכער נאך זיין פערשטאַנד, אויך פיעל קלוגע מענשען פון חַכְמֵי הָאוּמוֹת וואס זענען אויסען געווען פיעל צייט, יאהרען, צוא אויסזעהן דאס לאַנד, האָבען אַללע בעשריבען אז דאס לאַנד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קענן מען נישט בעשטימען אויף קלאָהר, ווייל פון דער צייט אן וואס מיר זענען ארויס געטריבען געוואָרען פון איהר, זענען פיעל ערטער חָרוּב געוואָרען, פיעל ערטער זענען צוגעקומען נייע, אונ אסך ערטער האט מען איבער געביטען דיא נאָמען נאך דיא מענשען וואס האלטען זיך אויף אין איהר, קאָנען מיר נישט פארשטעהן דיא נאָמען וואס מען רופט זייא אין דער תּוֹרָה אָדער אין סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ, נאָר אין ווייניג וועניגע ערטער קאָנען מיר יא וויסען וואו זייא געפינען זיך היינט.

כג. שטאָדט פון לְוִיִם זענען געוועזען צוויי אונ פערציג, ד"ה אין אֶרֶץ כְּנַעַן איז געוועזען זעקס אונ דרייסיג שטאָדט אונ אין עֵבֶר הַיַרְדֵּן איז געוועזען זעקס. עָרֵי מִקְלָט זענען געוועזען זעקס, אין אֶרֶץ כְּנַעַן דריי, אונ אין עֵבֶר הַיַרְדֵּן דריי. –

דיא ליעבשאפט פון ירושלים ברענגט מיר מיט צוא פארשטעללען איהר געשיכטע. געמאכט פאר איין שטאדט האט איהר מלכי צדק אין יאהר צוויי טויזענד פינף אונ צוואנציג לבריאת עולם, וועלכער האט איהר געבויעט אויף דעם ארט וואס האט גע־הייסען הר המוריה, אונ איהר אנאמען געגעבען „שלם". דערנאך האבען דיא שטאדט אפגענומען דיא יבוסים, אונ האבען געבויעט דעם הר ציון אונ אנאמען געגעבען איהר „יבוס". יהושע בן נון האט איהר ביא זייא אפגענומען אונ האט זיא גערופען „ירושלים". נאך זיין טוידט האבען דיא יבוסים אפגענומען דיא שטאדט ביא דיא יודען, נאר נישט לאנג האט געדויערט האבען דיא יודען גענומען צוריק דיא שטאדט, נאר דער הר ציון איז ביא זייא געבליעבען ביז דוד המלך ע"ה האט זייא אין גאנצען פארטריבען, אונ האט באשיינט דיא שטאדט, אונ דעם הר ציון האט ער אויסגעקליבען פאר זיך פאר איין וואהנונג. — שלמה המלך האט איהר דערהויכט נאך מעהר ווייל ער האט געבויעט דארטען דעם בית המקדש. נאכדעם האט זיא צוואנגענומען שישק מלך מצרים, דערנאך איז זיא אנגעקומען צוא יואש מלך ישראל, נאכדעם האט איהר בעצוואונגען דער מלך אשור — ביז צום סוף האט נבוכדנצר חרוב געמאכט דיא גאנצע שטאדט אונ פארברענט דעם בית המקדש. אין זיבציג יאהר ארום האט כורש בעפוילט דיא שטאדט אונ געבויעט צוריק דעם בית המקדש. אין יאהר דרייא טויזענד אכט הונדערט איינאונדרייסיג לב"ע איז זיא אריינגעפאללען אין דיא האנד פון אנטיוכוס הרשע דער מלך סוריא ביז יהודה החשמונאי האט זיא צוריק אפגענומען. אין דרייא טויזענד ניין הונדערט איינאונפערציג יאהר איז זיא אריינגעפאללען אונטערן שוטץ פון רומא אונ דערנאך אונטער הורדוס מיט זיינע קינדער ביז עס איז געוועזען דער חורבן בית שני דורך טיטוס, איז דיא שטאדט געוועזען וויסט אלאנגע צייט. נאכדעם איז זיא געוועזען אונטערן האנד פון דיא גריעקען ביז זיא איז אריינגעפאללען אין דיא האנד פון דיא טירקען וואו זיא איז נאך ביז היינטיגען טאג — היינט איז זיא אשאנע שטאדט נאר נישט וואס עס איז געוועזען. נאר מיר האפפען צום באשעפער, אז ער וועט אונז אהין אומקעהרען וואס גיכער. — אמן.

**מזמור לתודה.** געלויבט איז גאט וואס האט מיר צום האנד געבראכט, אונ האט מיך מזכה געווען אז איך האב דיזען ספר געמאכט, ער האט מיך ביז יעצט נישט פארשלאפט, אין מיין קאפף אונ אין מיינע האנד האט ער מיר געגעבען קראפט. יעטצט טוה איך אן איהם שטארק האפפען, אז פאר וועמען מיין ספר וועט ליגען אפפען, וועט אי"ה איהם זיין געפעללען, דען איך האב אין איהם נישט געמאהן פעהלען, אונ מיט גרוים פערגעניגען וועט ער אין איהם קוקען. וויא גאט האט מיר געהאלפען איהם דרוקען.

המחבר

# דרך אמת

## חלק א.

עדת ישראל
בווילנא

### אות א.

**ארץ מצרים**, די לאנד מצרים, רופט זיך יעצט „עגיפטען", געפינט זיך אין אפריקא, ארום דאס לאנד וואס הייסט „זועץ". דיא לייגג פארנעמט זי זעכציהן הונדערט וויארסט, די ברייט צווייהונדערט אונ פערציג וויארסט, דאס איז נאר דיא בעזעטצטע לאנד, אבער מיט ליידיגע ערד האלט זי פיעל מעהר. איהרע גרענעצין: פון צפון זייט, געפינט זיך דער מדבר „זעלעמע", וועלכער געפינט זיך אין אפריקא; צו מזרח, איז דער „לשון ים ערב" (ד. ה. אראבישער מעער אל־זום), צו דרום, איז דער „ים התיכון" (ד. ה. דער מיטטעל־וועלט־מעער). צווישען ים התיכון אונ צווישען מצרים, געפינט זיך דאס לאנד וואס הייסט „דלתא", דאס איז דער אויסגוס פון טייך „שיחור" אויך פון טייך „נילוס" וואס פאלט אין ים התיכון. ארום דיזען אויס־גוס געפינט זיך איין שטאדט וואס הייסט „קאהירא". אראפ צו מערב זייט נאהנט צום ים התיכון שטעהט אגרויסע שטאדט וואס הייסט „אלכסנדריה של מצרים". צו מערב איז דער מדבר וואס הייסט „בארקא", דער מדבר געפינט זיך נים אין לאנדקארט, ער שטעהט אין אפריקא אונ נוצט אונז נים.

**ארץ גושן** הייסט יעצט „העליאפאלים", איין שטיק לאנד פון מצרים צוא צפון זייט. ארום דער לאנד גושן נייט דער טייך „שיחור" אונ שיידעט פאנאנדער צווישען „גושן" אונ צווישען דאס לאנד „פלשתים". פון דער צייט וואס פרעה האט געשענקט דאס לאנד גושן צו אונזער מוטטער שרה, האט עס געהאט דיא קדושה (היילינקייט) פון ארץ ישראל, אונ דארטען האט גאט גערעדט מיט משה רבינו.

**ארץ רעמסס** איז איין בערג פון מצרים צו דרום זייט, דיא שטאדט האבען געבויעט אונזערע עלטער'ן, אונ פון דער שטאדט איז געוועזען די גאולה, היינט רופט זיא זיך „רעמזעס" אונ אויף אראביש לשון רופט זיא זיך „עין־אל־שעמס" אויך „עוז־קאל".

**ארץ דלתא** געפינט זיך ארום מצרים אונ ארום ים התיכון. אין איהר פאלען אריין די טייכען „נילוס" אויך „שיחור". איהר ברייט פון דרום צוא צפון איז צוויי הונדערט פערציג וויארסט. איהר לייגג ווייס מען נים. אונזערע חכמים זאגען אז דלתא געהער צוא מצרים.

**ארץ מדין** געפינט זיך ארום „ים סוף", וואס ער רופט זיך „דער רויטהער מעער", זיא איז ווייט פון מצרים אכט הונדערט אכטציג וויארסט, אונ פון דער לאנד מואב איז זיא ווייט צוויא הונדערט פערציג וויארסט. איהרע גרענעצין: צו דרום – דער רויטער מעער; צו מערב – דער לשון ים סוף וואס רופט זיך „עליעניצעסקי זאליוו"; צו צפון – איז דער מדבר פון מואב, אונ צוא מזרח זייט – איז „סלע ערב" וואס רופט זיך „קאמעניסטאיא פוסטיניא".

**ארץ בני עמון**, איהר לייגג אונ ברייט איז נישט בעוואוסט, זיא רעכינט זיך יעצט צוא ישמעאל, איהרע גרענעצין: צו מערב איז דאס לאנד מואב אונ דאס לאנד סיחון; צו מזרח דער מדבר ערב, וואס געהט ביז פרסיא; צו דרום – דער מדבר העמים; צו צפון – דער מדבר סוריא. שטאדט געפינט זיך נאך היינט איינע א גרויסע שטאדט וואס האט זיך גערופען רבת בני עמון, אונ איין קליינע שטאדט וואס הייסט „גרי".

**ארץ גליל זוועץ**, איין לאנג שטיק ערד, וואס געהט מיט'ן ברעג ים (מיטטעל-וועלט-מעער), אונ דערגעהט ביז לשון ים סוף. אונ דער לאנגער שטיק ערד הייסט זוועץ אדער סועץ אין דער מיט פון אפריקא אונ אזיא. דיא לענג פון איהם איז ביז הרי אמנה. עכו געפינט זיך אויך אין גליל זוועץ, אשטיק פון פלשתים אויך קסריה, ביתר, אשקלון רעכנען זיך אויך אין גליל זוועץ, דיא ברייט פארנעמט פון מצרים ביז מושב עמלק. אויפ'ן ברעג אראבישער מעער אל-זועס געפינט זיך די שטאדט זוועץ. ארום דער שטאדט געפינט זיך איין קאנאל פון אראבישען מעער אל-זועס, צום מיטטעל-וועלט-מעער, ער הייסט „זועסקי קאנאל".

## אות ב.

**בעל צפון** איין בילד פון מצרים, געפינט זיך אויפ'ן גרעניץ פון מצרים אונ פון מדבר איתם.

**מגדול** איין שטאדט אין מצרים, שטעהט אויפ'ן גרעניץ פון צפון מצרים, אונ בעת דיא יודען זענען געגאנגען פון מצרים האבען זייא דארטין גערוהט אזוי וויא דער פסוק זאגט „ויחנו בין מגדול ובין הים" ד"ה דיא יודען האבען גערוהט צווישען מגדול אונ צווישען ים.

**ב' אלפים תמ"ח** ד"ה צוויאטויזענד פיערהונדערט אכט אונ פערציגסטען יאהר לבריאת עולם, פונפצעהן טאג אין חודש ניסן, פרייטאג, זענען דיא יודען ארויס פון מצרים. בייא נאכט האבען זייא זיך צונויף געקליבען אין רעמסס, אונ פרייטאג אין מיטען טאג זענען זייא ארויס פון רעמסס, אונ אין דעמזעלבען טאג זיינען זיי געקומען אין סוכות. סוכות פון מצרים איז הונדערט אונ צוואנציג וויארסט,

אונ



אונ דיא יודען זענען דאס געגאנגען אין איין טאג (עפ"י נס), וויא אין פסוק שטעהט „ואשא אתכם על כנפי נשרים" ד"ה גאטט האט אייך געטראגען וויא אויף דיא פליגלען פון אדלער'ס. סוכות געפינט זיך אין אפריקא, אין דעם מדבר „וועלעמע", ווייט פון איתם פירציג וויארסט, אונ איתם געפינט זיך אין מדבר „איתם". סוכות געפינט זיך אין דרום פון מצרים צום ים סוף צוא, ווי עס שטעהט אין דער תורה „ויסב אלהים את העם דרך המדבר ים סוף" ד"ה גאטט האט זייא ארום גערינגעלט דורך מדבר „וועלעמע" אין סוכות וואס שטעהט ארום ים סוף. – דיא שלוחים וואס פרעה האט געשיקט מיט דיא יודען זענען אויך געקומען גלייך מיט דיא יודען אין סוכות. שבת האבען דיא שלוחים דערזעהן אז דיא יודען געהען ווייטער, אונ דיא יודען האבען געזאגט אז זייא געהען ניט מעהר וויא אויף דרייא טאג צייט, אזוי וויא אין פסוק שטעהט „דרך שלשת ימים נלך במדבר" ד"ה איין וועג פון דריי טאג וועלין מיר געהן אין דער מדבר, אונ דיא שלוחים ווייסען אז סוכות שטעהט דריי טאג גאנג פון מצרים' האבען זייא געמיינט אז דיא יודען וועלען דארטין דינען גאטט אונ וועלין זיך אומקעהרען צוריק, אבער אז זייא האבען דערזעהן אז דיא יודען געהען ווייטער, האבען זייא זיך אומגעקעהרט צו פרעה אונ האבען איהם געזאגט, אז דאס פאלק איז אנטלאפען. דיא שלוחים זיינען געגאנגען צוריק דרייא טאג, שבת, זונטאג אונ מאנטאג. דינסטאג אונ מיטוואך האט פרעה געיאגט דיא יודען, אונ דיא נאכט פון מיטוואך געגען דאנערשטאג האט ער זייא דעריאגט.

אונ דיא יודען זענען געגאנגען פון סוכות קיין „איתם" וועלכעס שטעהט בייס ברעג פון מדבר איתם. דעם טאג פון שבת האבען זייא גערוהט אין איתם ווייט פון סוכות פערציג וויארסט, זונטאג זענען זיי געשטאנען אונ גערוהט אויף דעם ארט פון „פי החירות". – פי החירות רופט זיך „פיתום", דיא שטאדט האבען אויך דיא יודען געבויעט. מאנטאג אונ דינסטאג האבען זייא געגאהנט צוא מגדול, מיטוואך האבען זייא גערוהט צווישען מגדול אונ צווישען ים, נעגען דער עבודה זרה „בעל צפון". דארטען האט זייא פרעה דעריאגט. דאנערשטאג פארטאג זענען זייא אריבער דעם ים סוף, אונ אין דער פריה אז זייא האבען דערזעהן אז דיא מצריים זענען דערטרונקען געווארען האבען זייא געזאגט „שירה".

**בים סוף** אין ים סוף זענען דיא יודען אריבערגעגאנגען ניט אין דעם ארט וואס רופט זיך „ים סוף" וואס ער הייסט „אראבישער-מעער-בוזיאן", ווארום דער ים סוף געהט אפ ווייט פון מצרים, פון מעריב צוא מזרח, נור עס איז פאראן איין אויסגוס, אפגעצויגען פון ים סוף אזוי וויא איין לאנגע האנד, ער הייסט „לשון ים ערב" אדער „לשון ים סוף", היינט רופט ער זיך „מעער אל-זום", אונ ער ציהט זיך פון דרום צוא צפון אין מזרח פון מצרים, אונ אט דעם אויסגוס זענען אריבער געגאנגען דיא יודען. זייא האבען געקענט געהן מיט דער יבשה, מיט'ן ברעג פון לשון ים סוף. איבער דעם שטיק ערד וואס הייסט „זועץ", זייא האבען נאר ניט געדארפט געהן מיט'ן

וואסער

מאסער, נאר גאט האט געוואלט וויזען זיינע נסים, צו דערטרינקען די מצריים, האט ער זייא געפיהרט פון דעם ברעג מערבית פון לשון ים סוף, צוא דעם ברעג פון מזרחית. די ברייט און די לענג פון ים סוף איז הונדערט און צוואנציג וויארסט, דער ים סוף רופט זיך רויטהער מער, ער שטעהט אין אזיען, ער האט אין זיך צוויי אויסגיסען, איין אויסגוס ארום מצרים וואס ער הייסט "מער-אל-זוס" וואס איבער איהם זענען די יודען אריבער געגאנגען, ער הייסט אין לשון קודש "לשון ים ערב". און נאך איין אויסגוס האט ער אין מזרח זייט, וואס ער הייסט "לשון ים אילת" (עליניצעיסקי זאליוו). די יודען זענען אריבערגעגאנגען דעם לשון ים סוף פאר איין קליינע צייט, וואס ער איז ברייט דרייסיג וויארסט. דער סדר הדורות שרייבט, אז דאס איז געוועזען אגם. דער טאג וואס די יודען זענען אריבער דעם ים סוף איז ער געוועזען גרויס. ווי דריי טאג.

## אות ג.

**גדולה**, עס איז געוועזען גרעסער די גוטס וואס די יודען האבען געפונען ארום ים ווי די גוטס וואס די יודען האבען אנגעבארגט אין מצרים. עס איז זייא דאס געקומען ע"פ דין, דען זייא האבען ביי די מצריים געארבייט צוויי הונדערט צעהן יאהר, מיט שווערע ארבייט. מיט גרויס מיה האט משה רבינו אפגעצויגען די יודען פון ים סוף, דען זייא האבען זיך געוואלט באזעצען דארטין און מאכען אהאנדעל מיט שאף, דען דארטין איז געוועזען אנוטע ארט צוא פאשען שאף.

**ב' ימים** דרייא טאג זענען די יודען געגאנגען פון ים סוף ביז דעם ארט "מרה" וואס איז געוועזען ווייט פון ים סוף הונדערט צוואנציג וויארסט, אין "מרה" זענען זייא געקומען פינף און צוואנציג טאג אין ניסן, דאס איז געוועזען מאנטאג. אכט און צוואנציג טאג אין ניסן, דאנערשטאג זענען זייא געקומען אין דעם ארט "אלים" פערציג וויארסט פון מרה, היינט רופט זיא זיך "מהיר" אדער "אל מהיד". צעהן טאג זענען זייא געשטאנען אין אלים, ניין טאג אין אייר מאנטאג זענען זייא געקומען צו דעם ארט וואס רופט זיך "ים סוף", דאס איז געוועזען איין שטאדט, וועלכע איז געשטאנען נאהנט צוא איין אויסגוס פון ים סוף, און דערום האט זיא זיך גערופען ים סוף. ים סוף איז געוועזען צעהן פרסאות, ד"ה פערציג וויארסט פון אלים. עלף טאג אין אייר ד"ה מיטוואך האבען זייא גערוהט אין מדבר סין, זעכציג וויארסט פון ים סוף. ים סוף, דפקה, אלוש שטעהען אללע אין מדבר סין. פון מדבר סין זענען זייא געקומען אין דעם ארט דפקה, פערציג וויארסט פון מדבר סין. פתפצעהן טאג אין אייר זונטאג זענען זייא געקומען אין אלוש אכציג וויארסט פון דפקה. ניין טאג זענען זייא געשטאנען אין אלוש. אונזערע חכמים זאגען אז אין אלוש האט אנגעהויבען געהן דער

מן,



מן, אין דעם טאג זונטאג זעכצעהנטען טאג אין אייר. אלוש רופט זיך היינט "אלאוע" אדער אלוע, דער תרגום רופט זיא "תקיף". – דריי און צוואנציג טאג אין אייר זונטאג זענען זייא געקומען אין רפידים, אכטציג וויארסט פון אלוש, רפידים שטעהט אין מדבר סין, אכט וויארסט פון הר סיני, און פון דעם בארג הורב. אין די צייט וואס די יודען זענען געשטאנען אין רפידים, איז געוועזען משה'ס געצעלט ארום הר חורב. אין רפידים איז געוועזען די מלחמה פון עמלק, אין רפידים איז געקומען משה'ס שווער, יתרו. נאך דער דעה פון הזקוני, איז מדבר סין און מדבר סיני דער זעלבער ארט, און באמת האט ער געהייסען "מדבר סין", נור וייל אין דעם ארט האט גאטט געגעבען די עשרת הדברות, האט מען צוגעשטעלט צוא דעם ווארט "סין א "יוד" איז דאס געווארען "סיני". דעם ערשטען טאג פון חודש סיון, מאנטאג, זענען געקומען די יודען אין מדבר סיני, ווייט פון רפידים אכט וויארסט. זעקס טאג אין סיון, שבת, האבען זייא מקבל געווען די תורה אויפ'ן בארג סיני פון גאטט דורך משה רבינו.

## אות ד.

**דרך הילוך**, דער גאנג פון טייך "שיחור" אין מצרים, וואס זיא (מצרים) שטעהט אין דעם ווינקעל פון ארץ ישראל אין מערבית דרומית, און אויף אראביש לשון רופט זיך דער טייך וואד-אלא-ריש, און ער (דער טייך) איז אצווישען שייד צווישע לאנד מצרים און לאנד פלשתים – הייבט זיך אן פון דעם ארט וואס עמלק זיצט דארט, און פאלט אריין אין דעם ארט וואס הייסט "דלהא", אין דעם טייך "נילוס", און די טייך נילוס וועלכע רופט זיך וואד-אל-שיאום געהט פון לאנד "כוש" און געהט איבער גאנץ מצרים פון דרום אין צפון און פאלט אריין אין "ים התיכון" (מיטעל-וועלט-מער). – רש"י שרייבט אז אין מצרים איז געוועזען נאר איין טייך, נור ער האט זיך גערופען מיט צוויי נאמען "נילוס" און "שיחור". – נילוס איז געגאנגען פון דרום אין צפון פון דער וועלט, און שיחור איז געגאנגען ווי איין אויסגוס און האט זיך געצויגען ביז עמלק, און האט געמאכט א צווישען שייד צווישען מצרים און צווישען פלשתים.

## אות ה.

**הר סיני**, דער בארג סיני האט געהאט זעקס נאמען: הר סיני, הר אלהים, הר בשן, הר הורב, הר חמד, און הר נבנונים. יעצט שטעהט אויף איהר איין

שטאדט

שטאדט וואס הייסט „טינטוניא", אונטער'ן בארג שטעהט איין בית תפלה פון נוצרים, די הייסט „קאשערינען קלויסטער". צו מערב זייט שטעהען פיעל הייזער פון תפלות צו נוצרים אויך צו ישמעאלים. ארום בארג סיני איז מקובר געווארען ר' סעדיה גאון, אויך רב האי גאון. אויף דעם בארג חורב איז די הייל וואס אליהו הנביא האט זיך דארט באהאלטען. ארום בארג סיני איז דא נאך אקליינער בארג וואס דארט האט משה רבינו צוברעכען די לוחות.

במקום, אין דעם ארט הר סיני, זענען די יודען געשטאנען עלף מאנאטה, מיט צוואנציג טאג. פון הר סיני זענען זייא געצויגען אין דעם ארט „קברות התאוה", זיא האט זיך גערופען „תבערה", ווייט פון הר סיני הונדערט צוואנציג וויארסט, דאס הייסט דרייא טאג גאנג, זענען זייא געגאנגען דעם צוואנציגסטען, איינ-אונד-צוואנציגסטען, אונ צוויי-אונד-צוואנציגסטען איר. רש"י שרייבט אז זייא זענען געגאנגען אין איין טאג דיא גאנג פון דרייא טאג, גאטט האט זייא געוואלט ברייננען גיכער קיין ארץ ישראל, נור וויל זייא האבען דערנאך געזינדיגט מיט דיא מרגלים, זענען זייא געבליבען אין דער מדבר פערציג יאהר. —

קברות התאוה, חצירות, רתמה אונ קדש ברנע, שטעהען אללע אין מדבר פארן. דער מדבר פארן איז געוועזען איין גרויסער מדבר, ער הויבט זיך אן פון מדבר סין אונ געהט ביז מואב, ער רופט זיך אמאל מדבר מואב. דער סדר פון דיא יודענס גאנג איז געוועזען אזוי: אין קברות התאוה האבען זייא פארבראכט דרייסיג טעג. דערנאך האבען זייא געצויגען קיין חצירות וועלכע איז ווייט פערציג וויארסט פון קברות התאוה. אין חצירות האבען זייא פארבראכט זיבען טאג ביז מרים איז געהיילט געווארין פון דיא צרעת, פון חצירות האבען זייא געצויגען קיין רתמה וועלכע איז ווייט פערציג וויארסט פון חצירות.

אין צווייטויזענד פיערהונדערט ניין אונד פידציגסטען יאהר לבריאת עולם, זענען דיא יודען געקומען קיין „רתמה". דער ארט איז איין גרויסער ארט, דיא זייט צו צפון פון דער וועלט רופט זיך רתמה, אונ דיא זייט צוא דרום פון דער וועלט, ד"ה, צום ים סוף צוא, רופט זיך קדש ברנע. פון רתמה צוא קדש ברנע איז פאראן אכציג וויארסט, אונ דער מדבר וואו דיא ביידע שטאדט געפינען זיך אין איהם רופט זיך אן מדבר פארן. פון רתמה וואס מען רופט זיא קדש ברנע, אויך מדבר פארן, אויך מעברה, האבען דיא יודען געשיקט דיא מרגלים ניין אונ צוואנציג טאג אין סיון: וויא דיא מרגלים זענען געקומען פון ארץ ישראל אונ דיא יודען האבען געזינדיגט פון זייער לשון הרע, ה[illegible]ט מען זייא געהייסען אוועקציהען פון דעם ארט וואס זייא זענען געשטאנען, אונ זייא זאללען ציהען נאהנטער צום ים סוף, אונ זייא האבען אזוי געטהון אונ זיינען געגאנגען אין קדש ברנע וואו זייא האבען פארבראכט ניינצעהן יאהר אויף איין ארט, ד. ה. פון דעם יאהר צווייטויזענד פיערהונדערט אכטאונפערציג, ביז דעם יאהר צווייטויזענד פיערהונדערט זיבען אונ זעכציג לבריאת עולם. — אונ פון דעם





יאהר צווייטויזענד פיער הונדערט זיבען אונ זעכציג ביז צוויי טויזענד פיער הונדערט אונ זעקס אונ אכציג האבען זייא זיך ארום געדרעהט איבער'ן מדבר אונ פלעגען קומען צוריק קיין קדש ברנע, וויא עס שטעהט אין דער תורה: „והימים אשר הלכנו מקדש ברנע עד אשר עברנו את נחל זרד שלשים ושמונה שנה" ד. ה. דיא טאג וואס מיר זענען געגאנגען פון קדש ברנע ביז מיר זענען אריבערגעגאנגען דעם נחל זרד, האט בייא אונז געדויערט אכט אונד דרייסיג יאהר. —

אין ניין אונ דרייסיגסטען יאהר פון ארויסגאנג פון מצרים. ד"ה בשנת צוויא טויזענד פיער הונדערט זיבען אונ אכציג לבריאת עולם זיינען זייא געגאנגען אין קדש מדבר צין. אללע רוה-ערטער וואס עס געפינט זיך אין פ' אלה מסעי, מיט דיא נאמען זייערע וויא אויך דיא אפרוה צייטען וועלען זיין בעשריבען אי"ה ווייטער אין אות ו'.

ליעבע לעזער! איך מוז אייך יעצט געבען צוא פארשטעהן אז עס געפינט זיך צוויי ערטער וואס רופט זיך קדש ברנע, איינע שטעהט אין ארץ ישראל, ארום איהר געהט דער גרענעץ פון ארץ ישראל. איהר איינהאלט איז אין צפון פון ארץ אדום אונ אין דרום פון ארץ ישראל — אונ דיא צווייטע קדש ברנע איז געשטאנען אין מדבר פארן וואס ער האט בייא זיך פיער נאמען: קדש ברנע, רתמה מדבר פארן אונ מעברה. אונ אין דעם ד"ה אין דעם צווייטען קדש ברנע זענען געשטאנען דיא יודען אכט אונ דרייסיג יאהר, אין דעם גרויסען מדבר וואס דארט זענען געוועזען אלערלייא שלאנגען אונ עגדיסען אין איין ארט וואס עס איז ניטא קיין וואסער. — אונ ניט אזוי וויא עס איז געמאכט געווארין אין אנדערע קארטעס אז דיא יודען זענען געוועזען אין דעם קדש ברנע פון ארץ ישראל דען דאס קאנן ניט זיין, ניט נאך דיא פסוקים פון דער תורה, ניט נאך תלמוד, ניט נאך מדרשים, אויך אין דיא רוסישע קארטעס געפינט זיך דאס ניט, קענן אנדערש ניט זיין נור אז עס איז געוועזן צווייא ערטער קדש ברנע, וויא עס איז אויבען גערעדט געווארן. אונ דאס וואס שטעהט אין דער תורה „רב לכם סוב את ההר הזה, פנו לכם צפונה", ד"ה גענוג אייך ארום רינגלען דיזען בארג, קעהרט אפ צוא צפון זייט, איז דאס געזאגט געווארען אין דעם ארט „מקהלות" אדער אין „יטבתה". מען האט זייא אנגעזאגט זייא זאללען זיך קעהרען צוא אדום צוא, אונ אז זייא זענען געקומען צו דעם ארט קדש מדבר צין, האבען זייא געקלערט פון דארטין אריינגעהן אין ארץ ישראל, וויא ווייטער וועט זיין געשריבען.

---

## אות ו.

ואלה שמות, אט דאס זיינען דיא נאמען פון דיא ערטער וואס דיא יודען זענען געגאנגען אין דעם ניין אונד דרייסינסטען יאהר צום ארויסגאנג פון מצרים, מיט רוהונגס אונ מיט איין רעכטפארטיגען וועג דורך דעם צוזאג פון גאטט

דורך משה רבינו, נור מיר קענען ניט וויסען צוא וויפיעל זיינען זייא געשטאנען אויף יעדער ארט. אונ וויפיעל פרסאות זענען זייא געגאנגען אין איין טאג. —

פון קדש ברנע זענען זייא געקומען אין רמון פרץ, דערנאך אין לבנה, דאס זיינען זייא געגאנגען צום ים סוף, ארום־רינגלען דעם בארג שעיר, אונ דערמיט האבען זייא ערפילט דעם צווי. פנו וסעו לכם המדברה דרך ים סוף. פון לבנה האבען זיי געצויגען קיין ריסה, דערנאך קיין קהלתה. דער תרגום שרייבט אז די מחלוקת פון קרח איז געוועזען אין קהלתה. פון קהלתה זענען זיי געצויגען קיין הר שפר פון דארטען אין חרדה. אין מקהלות האבען זייא ערפילט דעם צווי פון גאט „פנו לכם צפונה" ד. ה. קעהרט זיך אין צפון זייט. פון מקהלות זענען זייא געצויגען קיין תחת. מי רופט זיא „אחעס". פון תחת אין תרח, פון דארטין אין מתקה, פון דארטין קיין חשמונה, פון חשמונה קיין מוסרות, פון דארטין קיין בני יעקן. וויא דיא יודען זענען געקומען אין בני יעקן, האבען זייא פארקעהרט זייערע פנים'ער צוא דרום זייט, זייא האבען געוואלט ארומגעהן נאך אמאל דעם בארג שעיר ביז וואנען זיי זענען געקומען קיין יטבתה. פון דעם ארט האט מען זייא געהייסען אומקעהרען זיך צוא צפון זייט ביז וואנען זייא האבען באגעגענט דעם ארט קדש־מדבר צין. פון בני יעקן זענען זייא געצויגען אין הור הגדגד, פון דארטין קיין יטבתה. פון דארטין קיין עברונה. אונ פון דארטין קיין עציון גבר. ארום דעם ארט עציון גבר איז דא נאך איין ארט וואס הייסט אילות. פופצעהן טאג אין אב צוויי טויזענד פיער הונדערט זיעבען אונד אכציגסטען יאהר לבריאת עולם, האבען אויפגעהערט צו שטארבין דיא מאנער וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים אונ האבען געשיקט דיא מרגלים, וואס אויף זייא איז געזאגט געווארען במדבר הזה יתמו ושם ימותו. דאס איז געוועזען אין ניין אונד דרייסיגסטען יאהר ליציאת מצרים אין דעם ארט עציון גבר.

## אות ז.

זמן. אין דער צייט פון ר"ח ניסן דעם פערציגסטען יאהר ליציאת מצרים, זענען געקומען אללע יורען וואס האבען געברויכט ירש'נען ארץ ישראל אין דעם ארט מדבר צין וואס הייסט קדש, היינט רופט מען דעם ארט „וואדי־אראבה". אין דעם ארט איז געשטארבען מרים צעהן טאג אין ניסן, אונ דעמאלט האט פארפעהלט וואסער דיא יודען, פארשטעהט מען אז דאס וואסער איז געוועזען בזכות מרים. — דארטין איז געוועזען דיא מעשה מיט דיא מי מריבה, וואס דורך דעם זענען געשטראפט געווארען משה ואהרן זייא זאלען שטארבען אין דער מדבר אונ זאלען נישט אריינגעהן אין ארץ ישראל. פון קדש האט משה רבינו געשיקט שלוחים צום מלך אדום ער זאלל לאזען דיא יודען אריבערגעהן דורך זיין לאנד. מדבר צין איז נישט קיין גרויסער מדבר אין לאנד אדום.





דיא שטאדט קדש איז אין דער זייט פון ברעג מדבר וואס דיא יודען זענען געגאנגען, דאס הייסט קדש איז געשטאנען צווישען מדבר פארן אונ צווישען מדבר צין. דיא שטאדט קדש האט נישט געהערט צום מלך אדום, נאר זיא איז געשטאנען אין דרום פון אדום, אונ דיא שטאדט צין איז געשטאנען אין דעם אנדערן ברעג מדבר נאהענט צוא ארץ ישראל אונ זיא האט געקעהרט צוא מלך אדום, אזוי וויא עס שטעהט אין דער סדרה מסעי ועבר צינה, דאס מיינט מען דיא שטאדט צין. משה רבינו ע"ה האט געוואלט בעטען בייא דעם מלך אדום ער זאלל איהם לאזען געהן איבער דעם מדבר פון קדש אונ צין, דאס איז נאר נאהענט אריין צו געהן אין ארץ ישראל, נאר דער מלך אדום האט ניט געלאזט, אונ נאכט האט געזאגט אז ער וועט ניט געבען פון אדום'ס לאנד אפילו אויף איין טריט פון איין פוס, דער פאר זענען דיא יודען פון דארט אוועקגעגאנגען, אונ געגאנגען דורך דעם ארט וואס הייסט הר ההר.

## אות ח

חנו בהר ההר זייא האבען גערוהט אין דעם ארט וואס הייסט הר־ההר וואס שטעהט אויף דעם גרעניץ פון דעם לאנד אדום אין אנהויב גרעניץ פון מואב.

אין הר ההר איז געשטארבען אהרן הכהן דעם ערשטען טאג פון חודש אב אין פערציגסטען יאהר ליציאת מצרים אונ דאס וואס עס שטעהט אין דער תורה אז אין מוסרה איז אהרן געשטארבען, איז דער אמת אז ער איז געשטארבען אין הר ההר נאר וויא אהרן איז געשטארבען איז געקומען דער כנעני אונ האט מלחמה געהאלטען מיט דיא יודען, האבען דיא יודען געמוזט געמען מיט זיך דעם גוף פון אהרן טוידטערהייט, אונ האבען איהם געבראכט קיין מוסרה אונ האבען איהם דארטין מקבר געוועזען, אונ אזוי שטעהט אין פסוק ויקבר שם, ד"ה ער איז דארטין מקובר געווארען, אונ ביים הר ההר שטעהט מעהר ניט נאר וימת שם דאס הייסט ער איז דארטין געשטארבען. רש"י שרייבט, אז אהרן איז טאקי געשטארבען אונ מקובר געווארען אין הר ההר, נאר וויא דער כנעני איז געקומען צוא דער מלחמה מיט די יודען, האבען זייא זיך אומגעקעהרט זיעבען חניות (רוהונגסארטער) ביז מוסרה, אונ דארטין האבען זייא בעקלאגט אהרן'ען, האט זיך אפ געדאכט גלייך וויא אהרן וואלט דארטען געשטארבען.

פון הר ההר זענען זייא געקומען קיין צלמונה, דארט האבען זייא גערוהט פון וועג וואס זייא האבען זיך איין געמידט. פון צלמונה זענען זייא געקומען קיין פונון, אונ דארט איז געמאכט געווארען דער נחש הנחשת (דער קופערנע שלאנג). פון פונון זענען זייא געגאנגען קיין אובות אונ פון דארט אין עיי העברים וואס שטעהט אין מזרח זייט פון מואב.

## אות ט

טרם כל, פריהער וויא אלס דארף מען וויסען אז דיא ערטער וואס הייסען עיי העברים, דיבון גד אונ עלמון דבלתים, שטעהען אללע אין דעם ארט וואס הייסט „נחל זרד". דער ארט נחל זרד האט מען פריהער גערופען מדבר קדימות, דערנאך האט מען זיך אין דעם מדבר בעזעצט האט מען איהם גערופען נחל זרד. ניט ווייט פון איהם שטעהט איין ארט וואס הייסט נחל ארנון. אונ אלאנגער שטיק ערד (מען רופט עס רצועה) גייט פון לאנד אמורי אונ געהט אריין אין לאנד פון מואב צווישען ארנון ביז הרי העברים, אונ ער איז שייך צום אמורי, ער הייבט זיך אן פון נחל ארנון אונ ציהט זיך ארום עלמון דבלתים ביז בית הישימון, אונ אט אזוי זענען דיא בני ישראל געגאנגען: פון עיי העברים אין דיבון גד, פון דיבון גד אין עלמון דבלתים, אונ פון דארטין איבער דער רצועה וואס שטעהט אויבען ביז עיי העברים, אונ פון עיי העברים פארביי הר נבו, אונ זייא האבען גערוהט פון בית הישימון ביז אבל השטים.

דיא שטאדט ערוער שטעהט אויפ'ן גרעניץ פון מואב אויפ'ן ברעג פון נחל ארנון, אונ דעריבער זענען דיא בני ישראל געגאנגען איבער דער רצועה אונ נישט דורך דאס לאנד פון סיחון ועוג וואס עס איז געוועזען זייער, ווייל אין דער רצועה שטעהט דער בארג נבו וואס דארטין האט געדארפט משה רבינו שטארבען. —

אין דעם ארט הר נבו איז משה רבינו געשטארבען זיבען טאג אין חודש אדר, אין פערציגסטען יאהר פון יציאת מצרים. אונ איז דארטין מקובר געווארען, אונ קיין מענש ווייס נישט וואו זיין קבר איז, כדי מען זאל ניט מאכען א בית תפלה אויף זיין קבר. ארום דעם בארג נבו איז פאראנן אבארג וואס רופט זיך בית פעור, אונ הינטער דעם בארג נבו צו מזרח זייט שטעהט דער בארג וואס בלעם האט דארטין מקריב געוועזען קרבנות צוא שעלטען דיא יודען. נאך העכער צוא מזרח זייט שטעהט איין ארט וואס ער הייסט שדה צופים וואס פון דארטין האט בלעם געזעהן דעם בארג נבו.

דיא מלחמה פון סיחון מלך האמורי איז געוועזען כ"ח אלול, אונ די מלחמה מיט עוג מלך הבשן איז געוועזען דריי אונ צוואנציג טעג אין תשרי. בעת מען האט מלחמה געהאלטען זענען דיא בני ישראל געשטאנען אין עלמון דבלתים —

דיא מלחמה האט סיחון אנגעהויבען דאדורך וואס דיא יודען זענען געגאנגען איבער דער רצועה, אונ זייא זענען געקומען קיין יהץ וואס שטעהט אויף דער רצועה וואס נעהער צום אמורי. —

## אות י

יצאו בני ישראל. דיא יודען זענען ארויס געגאנגען פון הרי העברים אונ האבען גע־
רוהט



רוהט אין דעם ארט וואס ער הייסט ערבות מואב, דאס איז געוועזען איין וויסטער אונ איין הפקר ארט, ער האט זיך נישט געערעכענט נישט צוא מואב אויך נישט צוא סיחון'ען. דיא יודען האבען פארנומען פון בית הישימון ביז אבל השטים, דאס הייסט דיא לענג צוועלף וויארסט, דער ארט שטעהט נאהנט צום ירדן, אין דיא ערטער איז געוועזען דיא געשיכטע פון בלק מיט בלעמ'ען, אונ פון דעם ארט זענען זייא געגאנגען מלחמה האלטען מיט מדין.

צעהן טאג אין ניסן אין דעם איינאונדפערציגסטען יאהר ליציאת מצרים, צוויא טויזענד זיבען הונדערט נייןאונדאכציג יאהר לבריאת עולם, זענען דיא יודען אריבער־געגאנגען דעם ירדן אונ זיי זענען געקומען אין גלגל. גלגל אונ דער ירדן ווערט זיין מפורש אי"ה אין צווייטען טהייל. —

### ענדע דעם ערשטען טהייל.

# געאגראפיא הקטנה

## דיא קליינע געאגראפיע.

אזו וויא איך האב בע"ה גומר געוועזען דעם ערשטען טהייל, וואס אין איהם איז באשייד געווארען דיא גאנג פון די יודען פון מצרים ביז זייא זענען אריבער געגאנגען דעם ירדן אונ זענען געקומען אין גלגל וועלכע איז אין ארץ כנען, וועל איך יעצט בעשיידען אלע גרעניצען פון ארץ כנען, אלע שטאדט וואס געפינען זיך אין איהר, אויך דארפער טייכען טהאלען אונ בערג. דיא שטאדט וואסערע זענען געוועזען אונ וואסערע עס איז פאראן איצטער, דיא נאמען פון דיא שטאדט וויא מען האט זייא גערופען פריהער אונ וויא מען רופט זייא היינט. אללע קאלאניעס וואס געפינען זיך יעצט אין זייא יהודים עובדי אדמה (ערד ארבייטער) וויפיעל הייזער געפינט זיך, אונ וויפיעל ערד האט אונטער זיך יעדער קאלאניע. וויפיעל וויארסט פון איין קאלאניע ביז דער צווייטער, אללע גרויסע שטאדט אויך קליינע שטאדט, דארפער וואס געפינען זיך אין ארץ ישראל אויך אין עבר הירדן. דיא לאנד סוריא, מיט דיא נאמען פון דיא שטאדט, דיא לאנד פון מואב מיט דיא שטאדט, דיא לאנד מדין, אללע בערג, אללע טייכען אונ אללע טאהלען. דיא לאנד פון סיחון ועוג וואס אויך אללע שטאדט וואס געפינט זיך, דיא
לאנד

לאַנד פון אֶדום, דעם ציוּנג פון עֲמָלֵק, דער טייך פְּרָת, דער טייך חִדֶקֶל. דאס לאַנד בָּבֶל, דאס לאַנד מיסאָפּאָטאַמִיע. אין אָנהויב פון מיין בעשׁרייבונג וועל איך פריהער בעשׁרייבען אַ „קליינע געאָגראַפיע" פון דעם שטיק ערד וואס אויף איהם שטעהט גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואס איך האָב דאס אַרויסגענוּמען פון סִפְרֵי יְהוּדִים אויך פון אֵינוֹ יְהוּדִים.

## דאס איז דער אָנהויב מיט גאָטס ווילען אונ מיט זיין לויב.

איהר זאָלט וויסען מיינע ליעבע לעזער, אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז צוּאַטהיילט אויף דריי חֲלָקִים (טהייל): 1) פּאַלעסטינאַ, דאס איז אַשטיק לאַנד וואס ליגט צווישען יָם הַגָּדוֹל, וואס הייסט מיטעל־וועלט־מעער אין מַעֲרִיב זייט, אונ צווישען יַרְדֵן, יָם הַמֶלַח, יָם כִּנֶרֶת אונ יָם סוּמְכֵי אין מִזְרָח זייט. 2) עֵבֶר הַיַרְדֵן, דאס איז אַשטיק לאַנד וואס ליגט צווישען יַרְדֵן, יָם הַמֶלַח, יָם כִּנֶרֶת, יָם סוּמְכֵי פון מַעֲרָב זייט, אונ מִדְבַּר סוּרְיָה אונ מִדְבַּר עֲרָב אין מִזְרָח זייט. 3) אַרוּם דער שטיק לאַנד ליגט איבער גאַנץ צָפוֹן זייט פון דיא ערשטע צוויי חֲלָקִים, דאס לאַנד וואס רופט זיך היינט סוּרְיָה.

דיא גאַנצע לאַנד פּאַרנעמט לויט וויא דיא איצטיגע געאָגראַפיע דערווייזט זיבען טויזענד צוויי הונדערט אַכט אונד פֿערציג וויאָרסט קוואַדראַטנע.

אין דיא דריי לענדער וואס אויבען זענען געשריבען געוואָרען, רעכנט זיך אין דער לאַנד „פּאַלעסטינאַ" זעקס אָבּלאַסטען דאס הייסט: א) דער ציוּנג פון עֲמָלֵק אַרוּם מִצְרַיִם. ב) דיא לאַנד וואס געהער צוא אֶדוֹם, וואס שטעהט אין דָרוֹם פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. ג) אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים אַרוּם מיטעל־וועלט־מעער. ד) אֶרֶץ יְהוּדָה אין דָרוֹם זייט פון יָם הַמֶלַח ביז מיטעל־וועלט־מעער. ה) אֶרֶץ שׁוֹמְרוֹן אין מיטען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פון יַרְדֵן ביז מיטעל־וועלט־מעער. ו) דיא לאַנד גָלִיל אין צָפוֹן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אויך פון יַרְדֵן ביז מיטעל־וועלט־מעער.

דער אַנדערע טהייל וואס הייסט „עֵבֶר הַיַרְדֵן" צוּאַטהיילט זיך אויף זיבען אָבּלאַסטען: א) טאַרכיניטיס פון דער שטאָדט דַמֶשֶׂק ביז בָּצְרָה. ב) גַלילַאַניטוּס, פון בָּצְרָה ביז דעם טייך יַרְמוּךְ אונ דיא בארג חעוּרַאן, דאָרטין געפינט זיך דיא שטאָדט גוֹלָן. ג) באַטאַנִיאַ, גָלִיל עֶרְדְעִי אונ גָלִיל עַשְׁתְּרוֹת. ד) פּעראַא, דיא לאַנד פון סִיחוֹן ביז יַבּוֹק ביז אַרְנוֹן. ה) דיא לאַנד פון מוֹאָב. ו) דיא לאַנד פון בְּנֵי עַמוֹן. ז) דיא לאַנד פון מִדְיָן.

דער דריטער טהייל וואס הייסט „סוּרְיָה" איז דא פינף אָבּלאַסטען: א) אֲרַם דַמֶשֶׂק דאס הייסט אַסוּרְיַא. ב) דער מִדְבָּר פון סוּרְיָה. ג) דער בארג חֶרְמוֹן וואס הייסט טריפּאָלִיס. ד) דער בארג לְבָנוֹן אונ איין שטיק ערד וואס הייסט פיניציאַ. ה) אֲרַם נַהֲרַיִם, אֲרַם צוֹבָה רופט זיך עטיפיאַה אויך מיסאָפּאָטאַמִיאַ.

דער מַצָּב (בעשטאַנד) פון דיא לאַנדער אין גרויס אַזוי אויפ'ן מיטעל פּונקט פון ערד קוגעל, דאס הייסט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שטעהט אויפ'ן מיטען וועלט שׁנור, דער מיטעל־וועלט־מעער שטעהט עטוואס נידעריגער, יְרוּשָׁלַיִם שטעהט אין מיט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אונ דער בֵּית הַמִקְדָשׁ איז געשטאַנען אין מיטען יְרוּשָׁלַיִם.





היינט וויא מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, אַז דיא אַלע לענדער אויך אַלע אָבּלאַסטען, וואס אויבען זענען דערמאָנט געוואָרען, זענען זייא אונטער שׁוּלְטָן פון דיא יִשְׁמְעֵאלִים, האָפען מיר צו גאָט ב"ה אַז ער וועט אונז דערפילען דעם צוזאָג זיינעם אין אונזער היילינער תּוֹרָה מִן הַנָהָר הַגָדוֹל נְהַר פְּרָת וְעַד יָם הָאַחֲרוֹן יִהְיֶה גְבוּלְכֶם. דאס הייסט אייער גרעניץ וועט זיין פון טייך פְּרָת ביז דעם הינטערשטען מעער. דער גרעניץ איז גרעסער וויא דער גרעניץ וואס געפינט זיך אין דער סִדְרָה אֵלֶה מַסְעֵי, אַז מיר וועלען מיט פרייד אין גיכען זוכה זיין, אָמֵן.

דער שֶׁטַח (פּאַנאַנדערשפּרייטונג) פון דעם לאַנד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פון צָפוֹן אין דָרוֹם איז דורך גרויסע בערג, נאָר וואס נאָהנטער צום יַרְדֵן פון ביידע זייטען אויך צום יָם הַתִּיכוֹן לאָזען זיך אַראָפּ פּלאַכער אונ פּלאַכער אַז אין אַנאַנג פון עטליכע וויאָרסט זעהט מען דאס לאַנד גלייך אָהן בערג, נאָך אין אייניגע אָרטער טוהט זיך זעהן נידריגע טיעפע פּלאַצער.

די בערג אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רופען זיך: 1)* הַר הַלְבָנוֹן אונ אַנְטִי־לְבָנוֹן, ציהען זיך ביידע אין איינעם פון מִזְרָח צוא מַעֲרָב אונ געהען אַריין אין יָם הַתִּיכוֹן אַזוי וויא איין אינזעל. ערך אויף אַכטציג וויאָרסט. אין דיא תּוֹרָה רופען זיך ד"א בערג הֹר הָהָר, אונ אַראַביש לשון רופען זייא זיך דזשׁיבאַל־מאַקמאַל. זייא זענען הויך צעהן טויזענד פוס (7 פוס איז 3 אַרשין רוסיש), אונ שנעע איז אויף זייא דא אַגאַנץ יאָהר. — 2) דער בארג חֶרְמוֹן, ער איז הויך דריי וויאָרסט אונ שטעהט אויפ'ן גרעניץ פון אֲרַם דַמֶשֶׂק אונ לאַנד גָלִיל, אונ פון דעם בארג געהען אַרוּס אַסך טייכען. — 3) הַר נַפְתָּלִי (רופט זיך אויך הַר תָּבוֹר) איז הויך דריי טויזענד פוס. — 4) הַר חֶרְמוֹן דער קלייגער, 5) הַר גִלְבֹּעַ וואס אויף דעם בארג זענען געהרגעט געוואָרען שָׁאוּל הַמֶלֶךְ מיט זיין זוהן יְהוֹנָתָן, שטעהען אין אֶרֶץ הַגָלִיל. — 6) דער בארג כַּרְמֶל, שטעהט נאָהנט צום יָם הַתִּיכוֹן אונ געהט אַריין אין יָם, ערך אויף צעהן וויאָרסט, אונ ציהט זיך פון מַעֲרָב צוא מִזְרָח זייט ביז שׁוֹמְרוֹן אונ אַרוּם דיא לאַנד גָלִיל. ער איז הויך טויזענד פינף הונדערט פוס אונ אין איהם איז פאַרהאַנדען אַסך היילען (מְעָרוֹת). — 7) הַר אֶפְרַיִם (הייסט אויך טוּר מַלְכָּא), 8) הַר עֵיבָל, 9) הַר גְרִיזִים אין גרעניץ פון נַפְתָּלִי, 10) הַר גָעַשׁ, הַר הַצְמָרִים, זייא זענען אין אֶרֶץ יְהוּדָה. — 11) הַר הַזֵיתִים איז אין מִזְרָח פון יְרוּשָׁלַיִם. — 12) הֹר הָהָר וואו אַהֲרֹן איז געשטאָרבען איז אין מִזְרָח פון אֶרֶץ אֶדוֹם אַרוּם דעם גרעניץ פון אֶרֶץ מוֹאָב. — 13) הַר שֵׂעִיר איז אין אֶרֶץ אֶדוֹם אַרוּם מִדְבַּר פָּארָן. — 14) הָרֵי עֲזָאזֵל איז ווייט פון יְרוּשָׁלַיִם צוועלף וויאָרסט, — 15) הַר נְבוֹ וואו משֶׁה רַבֵּינוּ איז געשטאָרבען, 16) הָרֵי הָעֲבָרִים, 17) רֹאשׁ הַפִּסְגָה שטעהען אַרוּם דער רְצוּעָה וואס געהט פון לאַנד אֱמוֹרִי אין מוֹאָב. — 18) הַר הַגִלְעָד, אין לאַנד גִלְעָד. —

טאַהלען איז דא אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל: 1) בִּקְעַת לְבָנוֹן אַרוּם דעם בארג פון לְבָנוֹן. — 2) בִּקְעַת סְדוֹם אַרוּם יָם הַמֶלַח. — 3) כִּכַּר הַיַרְדֵן, רופט זיך פון ביידע זייטען יַרְדֵן אין

דער לענג ביז ים המלח, אונ דיא גאנצע ערד־איז גלייך, נאר עטליכע קליינע בארגליך געפינט זיך דארטין.

מים, וואסער אין ארץ ישראל איז אמאל געוועזען זייער קנאפ, הגם עס איז פאראנען פיעל טייכען אונ מאהלען נאר כמעט אללע טייכען אונ מאהלען איז אין זייא וואססער מעהר נישט ווי נור ווינטער אויף זעגען זייא ווייט פון דער באוועצטער לאנד. זוממער צייט איז אסך פון דיא בייכען אונ מאהלען ווערען טרוקען, אונ כמעט דאס רוב ארץ ישראל וואַרט אויף רעגען וואססער, וויא עס שטעהט אין דער תורה „למטר השמים תשתה מים" ד. ה. פון דעם רעגען פון הימעל וועסט דוא טרינקען וואססער, דעריבער איז געוועזען ביא זייא אין דיא הויפען אויך אין דיא פעלדער געמאכט געווארען גריבער דערצוא אז עס זאלל זיך האלטען דיא וואססער דארטין, אונ זאלל נישט קאליע ווערען, אונ מען פארשליסט דיא וואססער, אז מען זאלל נישט גנבה'נען, נור היינט איז געווארען אין אסך שטאדט ברונע'ס וואס מען ציהט מיט אפאראטע מאשין וואססער, אונ דא נישט לאנג איז געווארען דיא ברונענס וואס געהט וואססער גלייך פון תהום. —

הימים והנהרות, דיא ימים אונ דיא טייכען וואס געפינען זיך אין ארץ ישראל: נאך דיא חכמי התלמוד איז פאראנען זיבען ימים אונ פיער טייכען וואס רינגלען ארום ארץ ישראל, אונ אט דאס זענען זייא: 1) ים התיכון (מיטטעל־וועלט־מעער) שטעהט אין מערב ארץ ישראל, זיינע וואססער טויג נישט צום טרינקען, נאר צום וואשען זיך אונ באדען איז זעהר גוט. — 2) ים המלח, (טויטער־מעער) שטעהט צווישען ארץ יהודה אונ צווישען ארץ מואב אונ זיינע וואססער טויג נישט צום טרינקען, אויך נישט צוא וואשען אדער באדען זיך. — 3) ים כנרת, שטעהט צוא מזרח ארץ ישראל צווישען בשן אונ צווישען גליל, זיינע וואססער זענען זיסס צוא טרינקען אונ גוטט צוא וואשען זיך. דיא וואססער אין איהם איז אגאנץ יאהר גלייך קומט נישט צוא קומט נישט אפ. — 4) ים סומכי (רופט זיך מי מרום) ער איז אויך אין מזרח פון ארץ ישראל, זיינע וואססער איז גוט צום באדען אויך צום וואשען, אויך צוא טרינקען, נאר אין זוממער טאג ווערט ער קליין אונ טרוקען אונ מען פיטערט אויף דיין ארט שאף. — 5) לשון ים סוף חייסט לשון ים אילת (אדער בלשון הגמרא הילת וועיל אין גמרא פערטוישט זיך א ח' אויף א א') אונ אזוי רופט ער זיך עלינצעצקי זאליוו), ער געהט פון ים סוף אין מזרח פון דער וועלט, אונ געפינט זיך אין דרום פון ארץ ישראל, אונטער ארץ אדום ארום אילות אונ עציון גבר. זיינע וואססער טויג נישט צום טרינקען, נאר באדען זיך אונ וואשען זיך איז גוט. אויף דעם ים געהען שיפפען מיט סחורה, ער האט אגרויסען פארט מיט אגרויסען האנדעל פון אסך סחורות. — 6) ים הלבן (דער ווייסער מעער), שטעהט אין צפון ארץ ישראל ארום חמת (אויף גמרא לשון רופט ער זיך ים אספמיא), זיינע וואססער איז גוט אויף באדען זיך אונ צום טרינקען טויגען זייא נישט. דיא וואססער איז אין איהם גלייך אגאנץ יאהר. — 7) ים חילתא ארום דמשק ער איז אין גלייכע וואססער

אנאנצען



אגאנצען יאהר. דיא וואססער איז גוט צו וואשען אונ באדען זיך, נאר צום טרינקען טויג ער נישט. אין געאגראפיע געפינען זיך אויך דיא איינענע ימים מיט דיא נאמען.

נהרות. 1) „ירדן" ער רופט זיך נהר, א טייך, ער איז אין מזרח פון ארץ ישראל, זיינע וואססער איז זיסס אונ געשמאק צום טרינקען, אונ באדען זיך אין איהם איז אגרויסע רפואה. דיא וואססער אין איהם איז נישט גלייך אגאנצען יאהר, זוממער ווערט ער קליין אז מען קענן אריבערגעהן מיט'ן פוס נאר בעת רעגען איז ער גרויס אונ טיעף אז אויף איהם קענען געהן קליינע שיפפען. 2) דער טייך „ירמוך", ער געהט פון מדבר סוריא אונ פאלט אריין אין ירדן. זיינע וואססער איז גוט צום טרינקען אויך צום באדען זיך. וואססער איז אין איהם אגאנץ יאהר. 3) נהר „קורמאן' (דער פסוק רופט איהם אמנה) ארום דמשק, ער הייבט זיך אן פון הר חרמון אונ פאלט אריין אין ים פרסי (פערסידסקי זאליוו). דיא וואססער איז גוט צום טרינקען אונ צום וואשען וויא אויך צום באדען זיך, אונ וואססער איז אין איהם אללע מאל. 4) דער טייך „פינה" (רופט זיך אין פסוק פרפר) ער איז אויך ארום דמשק אונ געהט פון הר חרמון אונ פאלט אריין אין ים פרסי, דיא וואססער איז גוט צום טרינקען אונ צום באדען וויא אויך צוא וואשען זיך. וואססער איז אין איהם אגאנצען יאהר,

לויט היינטיגע געאגראפיע איז אין ארץ ישראל דא נאך טייכען אונ טאהלען, מיט וואססער: 1) „נחל יבוק" (אויף ערבית רופט ער זיך וואד־אל־זארקא) ער געהט פון מדבר סוריא פארביי דעם ארט בשן אונ מאכט אצווישען שייד צווישען עוג מלך הבשן אונ סיחון מלך האמורי אונ פאלט אריין אין ירדן. זיינע וואססער איז גוט צום טרינקען, צום וואשען זיך וויא אויך צום באדען, אונ עס איז דא אין איהם וואססער אגאנץ יאהר. 2) „נחל ארנון". איז איין ברעג פון מואב ארום דעם ברעג פון דעם לאנד וואס איז שייך צוא סיחון האמורי אונ פאלט אריין אין ים המלח, זיינע וואססער איז גוט צום טרינקען אונ צום באדען זיך, נאר זוממער ווערט ער טרוקען, אונ מען פיטערט אויף איהם שאף (שעפסען). 3) „נחל זרד" ער הויבט זיך אן פון מדבר קדמות, אגרויסער טאהל צווישען צוויי בארג, אונ אין דער נידער האט ער ביא זיך וואססער, גוט צום טרינקען אונ צום באדען זיך, נאר זוממער ווערט ער טרוקען, אונ מען פיטערט דארטין שאף. — 4) „נחל קדרון" ער געהט פון ירושלים פארביי הר הזיתים, אונ פאלט אריין אין ים המלח, ער האט איין טבע מיט נחל זרד. ארום ים התיכון (מיטטעל־וועלט־מעער) איז פאראנען פיעל טייכען וואס אין זייא איז וואססער אגאנצען יאהר מען רופט זייא. אראנטים, באסטראנים, לעהאנטים, אלתאמור. זייערע ארויסגאנגען זענען דא וואס געהען ארויס פון הרי הלבנון אונ וואס געהען ארויס פון קליין אזיא, וויא איך וועל בעשרייבען זייא אין צווייטען טהייל. 5) „נחל קישון אויך ארום ים התיכון ארום דער שטאדט היפו, דיא וואססער זיינע איז גוט צום טרינקען אונ צוא באדען זיך, נור עס איז נישט דא אגאנץ יאהר. 6) „עמק יזרעאל" נישט ווייט פון נחל קישון, ער געהט ביז שומרון, ער איז אטאהל גאר אן וואססער. 7) „נחל קנה" 8) מי מגידו אין דער לאנד

גליל

# אות צ

ציון ירושלים אונזערע היליגע שטאדט, שטעהען אין מיטען ארץ ישראל, ארץ ישראל
רופט זיך אויך עבר הירדן. ירושלים שטעהט אין מיטען ארץ ישראל,
אויף אראביש רופט זיא זיך אל-קדיש, פון ירושלים קיין יפו איז געוועזען איינאונ-
זעכציג ווארסט דער אלטער וועג ווען מען פלעגט פאהרען פון יפו איבער רמלה
אונ באד-אל-באד, אדייטשע קאלאניע נעבען ירושלים, היינט איז נישט מעהר וויא דריי
אונ זעכציג ווארסט פון יפו קיין ירושלים, אונ עס געהט שוין דער אייזענבאהן. —
רמלה פון יפו איז דריי אונ דרייסיג ווארסט. פון ירושלים ביז רמת צופים וואס רופט
זיך רמה איז פאראן זעכצעהן ווארסט, ביז בית לחם איז צוועלף ווארסט, ביז חברון
דרייסיג ווארסט. פון ירושלים ביז מצרים פאהרענדיג אויף אשקלון איז דרייא הונדערט
אונ צוואנציג ווארסט. ביז קבורת רחל איז צעהן ווארסט, ביז עזאזל צוועלף ווארסט.
ארום ירושלים איז פאראן אקוואלל וואס רופט זיך מי שלוח אויך רופט ער זיך גיחון,
ער איז היינט קאליע געווארען אונ זומער צייט איז אין איהם ניטדא קיין וואסער.
פון ירושלים ביז בית אל איז פופצעהן ווארסט, ביז שילה דרייסיג ווארסט, ביז'ן ירדן
פערציג ווארסט. „גלגל" אשטאדט ווייט פון יריחו פופצעהן ווארסט, פון ים המלח
זיבען ווארסט. „יריחו" אשטאדט (רופט זיך היינט „ריכמא") ווייט פון ירדן פופצעהן
ווארסט, פון ירושלים דרייסיג ווארסט. ארום יריחו איז דא אברונען וואס רופט זיך
באר אלישע. „בית לחם" אשטאדט צוועלף ווארסט פון ירושלים. „חברון" (אויף
אראביש רופט זיא זיך אל-חאליל) ווייט פון בית לחם אכטצעהן ווארסט. דארטין איז
דא דיא מערת המכפלה אויף אראביש רופט זיך דיא מכפלה „כליל רחמן". פון חברון
ביז באר שבע פערציג ווארסט, ביז עזה פערציג ווארסט, חברון איז איין עיר מקלט,
ארום חברון איז דא אקלייגער דארף אלוני ממרא. „באר שבע" שטעהט ארום ארץ
פלשתים אויפ'ן ווינקעל דרומית מערבית פון ארץ ישראל, אונ זיא שטעהט אויפ'ן
רעכטען גרענעץ. זיא איז נישט געוועזען שייך צו פלשתים אויך נישט צו ארץ ישראל,
פון באר שבע ביז ירושלים זיבציג ווארסט, ביז באר לחי ראי זעכציג ווארסט. „קדש"
אונ „גרר" איז נאהענט צוא באר שבע, גרר אין צפון, קדש אין דרום. „קבורת רחל"
ארום בית לחם, זייט צוויא ווארסט אנגעקעהרט אביסעל צוא מזרח פון דער וועלט.
„מגדל עדר" איין קליין שטאדטיל. „חלחל" „תקוע" קליינע שטאדטליך. „עי" ווייט פון
בית אל פינף ווארסט. „גבעון" אשטאדט פון לוים, אין דרום פון מצפה. „מצפה"
אקליין שטאדטעל. אשתאול, פון ים התיכון צוואנציג ווארסט, אקליין שטאדטעל,
צרעה נאהענט צוא אשתאול. צווישען זייא אנטקעגען שטעהט דיא שטאדט תמנת. גת,
אשטאדט שטעהט אין פלשתים נישט ווייט פון יבנה אונ איז נאהענט צום נחל פלשתים
זיבען ווארסט פון ים התיכון. רמון, אשטאדט אויפ'ן גרענעץ פון פלשתים. יסכה, איז
נאהענט צוא דער שטאדט רמון. ניקיפולים, אגרויסע שטאדט שטעהט אין מעריב פון

רמון



רמון, אילון, אין מעריב פון ניקיפולים. ענתות, ארום גבעון. „בית אל" ארום איהר
שטעהט אשטאדט אפני נישט ווייט פון בית אל, „גזר" אשטאדט פון לוים. אין צפון פון
גזר שטעהט עטרות אדר. דער דארף בעל חצור, איז נאהנט צוא שילה. בית חורון
העליון, ארום איהר שטעהט דיא שטאדט נורא, נאך איהר צוא מערב דיא שטאדט
בית חורון התחתון, אונ אין צפון זייט ווייט פינף אונפערציג ווארסט דיא שטאדט קרית
יערים, נאכדעם שטעהט אשטאט גולות תחתית, צוא מערב זייט דיא שטאדט גולות
עלית, אונ צווישען זייא שטעהט דיא שטאדט בית ענת, אקליין שטאדטל מידין. לוד,
נישט ווייט פון רמלה. „ראשון לציון" איודעשע קאלאניע ווייט פון יפו אכט ווארסט,
דיא מאאס פון איהרע ערד וואס געהער צוא יודען זעכס טויזענד אכט הונדערט דונאם,
הייזער אכט אונ צוואנציג, שטעהט אין דרום פון יפו. צוויא ווארסט פון ראשון לציון
שטעהט אקאלאניע וואס רופט זיך „באר טוביה" אויך רופט זיא זיך קונסטנטינה, דארטין
איז איין לעהר-הויז פאר יודישע קינדער, ארום יפו איז דא נאך איין לעהר-הויז וואס הייסט
„מקוה ישראל" וואס מען לערנט דארטין ערד ארבייט, נאהענט צוא ראשון לציון שטעהט
נאך אקאלאניע וואס הייסט „נחלת ראובן", דיא מאאס פון איהרע ערד טויזענד פינף
הונדערט דונאם, הייזער דרייצעהן, אויך רופט זיא זיך וואדי-חנין, פון ראשון לציון
ביז עקרון איז ווייט צוועלף ווארסט, עס איז דא נאך איודישע קאלאניע וואס רופט זיך
„גדרה" ווייט פון ראשון לציון צוועלף ווארסט. בית שמש, אנגעצעדינסט פון דיא
פלשתים וואס איז געוועזען אמאל אונ היינט איז זיא ניטדא. לכיש, זיף, גרר, שטאדט
אין פלשתים. אויפ'ן גרעניץ פון פלשתים שטעהט דיא שטאדט עוים. קעילה, דביר,
ארום דעם טייך שיחור. צקלג. חדשה, אויך ארום דעם טייך שיחור. חצר סוסה, אין
לאנד פלשתים. „רחובות" ארום עקרון אויך אויפ'ן גרעניץ פון פלשתים איודישע קאלאניע
פון לאנג. — נבע, אשטאדט פון לוים. —

# אות ק.

קץ גבול. דער אויסלאז גרענעץ צוא דרום זייט פון ארץ ישראל, דיא שטאדט וואס
געפינען זיך ארום דעם גרענעץ, אויך דיא דארפער זיינען: אדארף רופט
זיך „אתר" שטעהט ארום עצמון, וואס עצמון שטעהט אויפ'ן גרענעץ פון ארץ ישראל
צוא דרום זייט. אלתולד. ערוער, קבצאל, ערומה, שטעהען אללע נאהענט צום גרעניץ
נישט ווייט פון מעלה עקרבים. פיאמרא, שטעהט אויפ'ן גרעניץ פון ים המלח צוא
מעלה עקרבים. צבאים, ארום עמק השדים. חצר שועל, אגרויסע שטאדט שטעהט
אנטקעגען באר שבע. כפר רמון, אדארף ארום דעם ברונען וואס רופט זיך באר לחי
ראי, עיר מוסדה, אגרויסע שטאדט ארום ים המלח, יעמצט איז זיא חרוב. ערב, איין
גרויסע שטאדט צוואנציג ווארסט פון ים המלח. זנוח, יתיר, דומה, יקתאל, דארפער

ארום

ארום גרענעץ פון פלשתים. צרעה, קעלה, אשתאול, אויך נאהענט צום גרענעץ פון פלשתים. ענב, שוכה ארום די בערג פון יהודה. עבדן, לבנה, צו מערב פון דיא בערג פון יהודה. חצר גדה, אויך דארטין. בזק, ווייט פון חברון צוא מערב דיים פינף אונ צוואנציג ווארסט. עין הקורא, ארום גרענעץ פון פלשתים. כרמל, רופט זיך הכרמלה, אויך אשטאדט. ארום איהר איז דיא שטאדט מעון. ירעאלה, אקליין שטאדטעל, אשתמה, אשטאדט פון דיא לוים, צוואנציג ווארסט פון ים המלח. חולון, ימה, שטאדט פון לוים. שמיר, נאהענט צוא נחל קדרון, אפקה נאהענט צוא עין גדי ניט ווייט פון חברון; שמיר איז צעהן ווארסט פון ים המלח. צוא מערב פון שמיר שטעהט דיא שטאדט מראשה, צוא צפון זיים איז אגרויסע שטאדט וואס הייסט בית צור, צוא מזרח פון בית צור שטעהט דיא שטאדט תקוע, צוא מערב שטעהט דיא שטאדט עדולם, אונ צוא צפון שטעהט דיא שטאדט בית לחם וואס איז דערמאהנט געווארען פריהער.

# אות ר.

ראיתי לפרש. איך האב געפונען פאר נאטהיג צוא בעשריבען אללע לאנדער וואס רינגלען ארום ארץ ישראל. אין מזרח שטעהען: דאס לאנד פון עוג מלך הבשן אונ דאס לאנד פון סיחון מלך האמורי, (ער רופט זיך מלך האמורי, ווייל דער מלך סיחון קומט ארויס פון אמורי, אונ דיא לאנד רופט זיך נאר עבר הירדן), ארץ עמון ומואב דא מוז איך געבען צוא וויסען, דאס דיא שטיק ערד וואס געהער צוא סיחון ועוג, איז דאס פריהער שייך געוועזען צוא עמון ומואב, נאר ווייל בייא עמון ומואב האבען דיא יודען ניט געטארט אפ נעהמען קיין ערד, וויא אין דער תורה שטעהט, האט נאט מסבב הסיבות געוועזען, אז עמון ומואב זאלל מלחמה האלטען מיט סיחון, אונ אז סיחון האט דיא ערד אפגענומען האבען דיא יודען נאכדעם געמעגט שוין צונעהמען). דיא לאנדער רופען זיך אין דער תורה עבר הירדן, אונ אויף געאגראפיע לשון רופען זייא זיך אזוי: ארץ עוג הייסט „גאלאניטיס" אונ פון דמשק ביז בצרה רופט זיך „תראבאניטוס"; דיא לאנד פון סיחון הייסט זיך „פעריא", אונ אדרעי אונ עשתרות רופט זיך באטאנאא. דיא גרענעצין פון לאנד עוג, צוא צפון זיים דער בארג חרמון, צוא מזרח דער מדבר סוריא אונ דער ים פרסיא, צוא דרום דיא לאנד פון סיחון, אונ צוא מערב דער ירדן. אונ דאס זענען דיא שטאדט וואס האבען געהערט צוא עוג מלך הבשן: חשבאי, אקליינע שטאדט, גשור, אגרויסע שטאדט, בעל גד אשטאדט, מסמה אדארף. אהינטער גשור אגרויסע שטאדט ליתיתה, דיא אללע שטאדט שטעהען אויף'ן גרענעץ נאהענט צום מדבר סוריה, משמת, שקה, נמרה, קצה, קריות, בצרה. צו צפון שטעהט דיא שטאדט בעשתרה אויך אויף'ן גרענעץ. קמון, סלכה, אדרעי, סלכה שטעהען

ארום



ארום אקליינעם בארג אין מזרח פון אדרעי. פון סלכה אין אדרעי איז פערציג ווארסט. אדארף יהצה אין דרום פון אדרעי, אין מזרח זיים שטעהט אדארף „גלאפאליס". צוא צפון קרתא, אונ צוא מערב דיא שטאדט עשתרות קרנים. צוא צפון אדרעי שטעהט אשטאדט זרה אונ איין גרויסע שטאדט וואס רופט זיך גולן אעיר מקלט. אין צפון פון גולן שטעהט איין שטאדט וואס הייסט קנאפא, ארום איהר שטעהט איין שטאדט וואס הייסט קסריה. דער נאך שטעהט דער בארג גלעד, ער איז ניט ווייט פון ירדן, פון פרת איז ער ווייט צווייא הונדערט אונ פערציג ווארסט, ארום בארג גלעד שטעהט אשטאדט יבש גלעד, אויך רמות גלעד וועלכע איז איין עיר מקלט. דערנאך שטעהט אשטאדט וואס רופט זיך עפרון, ארום עפרון געהט דער טאהל וואס רופט זיך נחל יבוק. זומער איז אין איהם גיטרא קיין וואסער. דערנאך שטעהט איין שטאדט וואס הייסט סוכות, ארום סוכות געהט דער טאהל יבוק בשעת מיט וואסער, ער טהיילט פאנאנדער צווישען סיחון אונ צווישען עוג. צוא צפון פון יבוק אונ צוא מערב פון ירדן הויבט זיך אן דאס שטיק ערד וואס הייסט גלעד, עס איז פאראן דארטין נאך איין שטאדט וואס הייסט זוזים, אס דיא אללע שטאדט האבען זיך גערעכנט אונטער דיא ממשלה פון עוג מלך הבשן. אין צפון פון יבוק שטעהט אשטאדט וואס הייסט מחנים. פון דארטין האט געשיקט יעקב שלוחים צו זיין ברודער עשו. –

# אות ש.

שמות, דיא נאמען פון דיא גרענעצען פון דאס לאנד וואס האט געהערט צוא סיחון: צוא איהר מזרח איז געוועזען דער לאנד פון עמון, אויך דער מדבר סוריא. ארום גרענעץ שטעהען דיא בערג וואס רופען זיך גבל־אל־הלל, צוא דרום איז ארץ מואב. צוא צפון דיא לאנד פון עוג צוא מערב דער ירדן. דאס זענען דיא שטאדט וואס האט געקעהרט צום לאנד סיחון: דער בארג הורון, אויף'ן גרעניץ. ארום איהם דיא שטאדט וואס הייסט מונטוניא, צוא מערב שטעהט דיא שטאדט גרסה. ארום דיא שטאדט יבוק איז דא שטאדטליך: בית גמל, תאבני, פלא, פנואל, עין גנים. מצפה אגרויסע שטאדט, אדארף צרון, אדארף בית ענים, אדארף יגבהה, נזר, יעזר, שטעהען אללע ארום טאהל יעזר, וואס אין איהם איז שטענדיג וואסער. אבל כרמים אויף'ן גרעניץ צו עמון צו אלעלה, צוא מערב פון אבל כרמים. חשבון דיא שטאדט פון סיחון שטעהט אין מיטטען לאנד, וויא איז געוועזען דיא הויפט־שטאדט. צוא מערב פון חשבון שטעהט דער דארף חורונים. במות בעל אויף'ן גרענעץ פון מואב, דיא שטאדט בצר איין עיר מקלט, נאהענט צום מדבר קדמות, אונ דרום שטעהט אין דער תורה „את בצר במדבר" אונ וויא איז אין לאנד סיחון. יהץ, יהצה, דארפער ארום גרענעץ פון מואב אויף דער רציעה וואס געהט פון סיחון צוא מואב, נאך במות בעל צום ירדן צוא שטעהט אדארף בית קתן.

אדארף

גליל ארום שומרון, אונ פאלען אריין אין ים התיכון, וואססער איז אין זייא אגאנץ יאהר. 9) נחל שרוק. 10) נחל בשור 11) נחל גרר. ארום דעם ארט וואס האט זיך גערופען פלשתים, אונ פאללען אריין אין ים התיכון. פון זייא איז פאראן אזעלכע וואס האבען וואססער אגאנץ יאהר, אונ פאראנען וואס נישט אגאנץ יאהר, אט אין דיא אללע טייכען אונ טאהלען געהען קיין שיפפען נישט, ווייל זייא זענען שמאל אונ נישט טיעף, מעהר נישט וויא אין ירדן אונ אין ים כנרת דארטין געהען שיפפען נאר נישט גאר גרויסע.

**קוראים יקרים.** ליעבע לעזער, דאס איז דיא קליינע געאגראפיע, נישט אין גאנצען אויסגעשטעלט געווארען, נאר איטלעכע זאך וועל איך אי"ה מפורש זיין אויף זיין ארט באריכות, אונ מיט פארשטאנד.

המחבר.



# דרך אמת
## חלק ב.

### אות ב.

**ארץ ישראל**, פריהער האט מען עס גערופען ארץ כנען, אונ אז עס איז אנגעקומען צוא דיא יודען האט מען עס אנאמען געגעבען „ארץ ישראל". מען רופט עס „אדמת ישראל", „אדמת קדש", „ארץ העברים", „ארץ הקדשה", „ארץ חמדה", „נחלת צבי", „ארץ צבי", „צבאות גוים". יעצט רופט זיא זיך „פאלעסטינא", וויל אויף'ן ברעג ים האבען געוואהנט דיא פלשתים, אונ אז מען האט זייער לאנד אבגענומען, האט מען דיא גאנצע מדינה אנאמען געגעבען אויף זייער נאמען. אויף לשון יון הייסט זיא „פיניקיא". אין דער תורה איז פאראנען אין אסך ערטער דיא גרענעצין פון ארץ ישראל, נאר נישט מיט קיין גלייכע פארנעמען. אין איין ארט איז דער פארנעם גראססער, אונ אין איין אנדער ארט שטעהען דיא גרענעצען אז עס איז קלענער, נור דיא מעשה איז אזוי: וואו עס שטעהט פון ים סוף ביז דעם נהר פרת מיינט מען דיא גרענעצען וואס עס וועט זיין אז משיח וועט קוממען, וועט מען אונז אוועקגעבען דיא לאנדער פון קיני, קנזי, קדמוני, דאס איז דיא לאנדער פון אדום עמון ומואב וואס מען האט נישט אוועקגעגעבען דיא וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, וועט מען עס אונז אוועקגעבען אי"ה לימות המשיח. אונ דא אין „דרך אמת" וועל איך געבען אבעשייד צוא דיא לאנד פון ארץ ישראל וויא עס זענען געוועזען דיא גרענעצין וואס מען האט צוא-טהיילט דיא יודען וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים וויא עס שטעהט אין דער תורה אין אלה מסעי. איך וועל שרייבען דעם פנים פון חומש, אונ דעם פירוש דערפון אויף טייטש, אללע שטאדט וואס געפינט זיך דארטין היינט אונ וויא מען רופט זייא היינט, אויך דיא נאמען וויא מען רופט זייא היינט, אונ וויא מען האט זייא גערופען דעמאלסטמאל. אללע לאנדער וואס שטעהען ארום ארץ ישראל, היינו: סוריא, ארץ סיחון ועוג, ארץ מואב, ארץ אדום, מושב עמלק. אללע טייכען, אללע טאהלען וואס געפינען זיך אויף דארטיגען בעשטאנד.

ויהבר

# אות ל

וידבר ה' אל משה לאמר, גאטט האט גערעדט צוא משה אזוי צו זאגען. צו את בני ישראל ואמרת אליהם כי אתם באים אל הארץ כנען זאת הארץ אשר תפול לכם בנחלה ארץ כנען לגבולותיה, געבויט דיא יודען אונ זאג צוא זייא אז איהר וועט קוממען אין לאנד כנען, דאס איז דאס לאנד וואס וועט זיין צוא אייך פאר איין ערב ארץ כנען צוא איהרע גרענעצין. רש"י שרייבט מען דארף וויססען דיא גרענעצין פון ארץ ישראל, מען זאלל וויססען וואו מען דארף האלטען דיא דינים פון קדושת הארץ (דיא הייליגקייט פון לאנד).

והיה לכם פאת נגב ממדבר צין על ידי אדום, והיה לכם גבול נגב מקצה ים המלח קדמה, אונ עס וועט זיין צוא אייך דער עק פון דרום זייט פון מדבר צין דורך אדום, אונ עס וועט זיין צו אייך דער גרעניץ פון דרום זייט, פון עק ים המלח פון מזרח זייט. דער מדבר צין איז וואס געפינט זיך ארום אדום אונ ארום גרעניץ פון מואב דאס הייסט דיא שטאדט קדש איז געשטאנען ארום מדבר פארן, אונ איז געוועזען הפקר, דיא שטאדט איז נישט שייך געוועזען צוא אדום, אונ דיא שטאדט צין וואס מען רופט זיא אין איין אנדער ארט צנה, וואס זיא שטעהט אין מדבר צין אין צפון זייט, אונ זיא איז אונטער אדום, או"ג ארום דער שטאדט צין איז געגאנגען דער גרעניץ פון ארץ כנען, מקצה ים המלח [...]מה, דאס הייסט דער גרעניץ פון ארץ כנען הויבט זיך אהן פון ים המלח וואס ער געפינט זיך אויפ'ן ווינקעל פון ארץ כנען דרומית מזרחית, דער גאנצער ים המלח רעכינט זיך אין ארץ כנען אונ דער ברעג פון ים המלח דער מזרח זייט איז דאס דער גרעניץ פון ארץ כנען, דעריבער שטעהט דאס ווארט „קדמה".

ונסב לכם הגבול מנגב למעלה עקרבים ועבר צנה והיו תוצאותיו מנגב לקדש ברנע ויצא חצר אדר ועבר עצמונה, אונ עס וועט זיך ארום רינגלען צוא אייך דער גרעניץ פון דרום זייט צוא מעלה עקרבים אונ וועט אדורך געהן צנה אונ עס וועט זיין צין ארויסגאנג פון דרום זייט פון קדש ברנע, אונ ער וועט ארויס געהן קיין חצר אדר אונ וועט אריבערגעהן עצמונה. דיא שטאדט מעלה עקרבים שטעהט אין ארץ ישראל אונ דער גרעניץ געהט ארום איהר, דאס הייסט אין דער מזרח זייט פון דער שטאדט געהט דער גרעניץ פון דרום אין צפון ביז'ן ים המלח, אונ פון דרום פון דער שטאדט געהט דער גרעניץ פון מזרח צוא מערב, אונ געהט פארבייא דיא שטאדט צינה (וואס מיר האבען אויבען געזאגט אז צינה אונ צין איז איין שטאדט) וואס איז שייך צוא אדום, אונ דער גרעניץ געהט אין צפון פון דער שטאדט צינה. פון צינה גייט דער גרעניץ אין קדש ברנע. קדש ברנע וואס איז דא דערמאהנט איז נישט דיא קדש ברנע וואס געפינט זיך אין מדבר פארן. יענע קדש ברנע האט פיער נאמען, קדש ברנע, מדבר פארן, רתמה אונ מעבדה, אונ דיא קדש ברנע שטעהט אין ארץ ישראל אונ רעכנט זיך אין דיא שטאדט פון ארץ ישראל, אונ דער גרעניץ געהט ארום איהר, אין איהר דרום זייט

אונ



אונ פון קדש ברנע געהט ער פארבייא דער שטאדט חצר אדר וואס איז שייך צוא אדום, אונ דער גרעניץ געהט פארבייא חצר אדר דאס הייסט אין צפון זייט פון חצר אדר. ועבר עצמונה דאס הייסט דער גרעניץ געהט פארבייא דיא שטאדט עצמונה וועלכע איז אויך שייך צוא אדום, אונ דער גרעניץ געהט אין צפון פון עצמונה. פריהער פאר עצמונה איז פאראנען א שטאדט וואס מען רופט זיא קרקעה, דיא שטאדט שטעהט אויך אין ארץ ישראל אונ דער גרעניץ געהט ארום איהר. אונ פון דער שטאדט עצמון געהט דער גרעניץ אין טייך פון מצרים וואס הייסט שיחור, אונ דער טייך פאלט אריין אין ים הגדול, אונ דעריבער שטעהט דא דער ווארט והיו „תוצאותיו" דאס ווארט תוצאותיו האט אין זיך צווייא טייטשען, וואו עס פאסט דארף מען טייטשען „תוצאותיו" אבערע אויסלאז פון דעם גרעניץ, דא בייא דעם טייך שיחור באלד וויא ער פאלט אריין אין ים הגדול, לאזט זיך אוים דער גרעניץ פון דרום ארץ ישראל. אמאל דארף מען טייטשען „תוצאותיו" אז דער גרעניץ פארקרימט זיך פון ארץ ישראל אין אויים צוא דרום אדער צוא צפון, רופט אויך דער פסוק תוצאותיו, וויא ווייטער וועט שטעהן.

וגבול ים והיה לכם הים הגדול וגבול, זה יהיה לכם גבול ים, אונ דער גרעניץ פון מערב זייט וועט זיין צוא אייך דער ים הגדול אונ דער גרעניץ דאס וועט זיין צוא אייך דער גרעניץ פון מערב זייט. ד"ה דער גרעניץ פון מערב זייט וועט זיין דער ים התיכון וואס רופט זיך ים הגדול. דיא וועלט בעשרייבונג רופט איהם „סרעדי זעמעלנאיא מארע" ווייל ער שטייט אויפ'ן מיטטען וועלט קוגעל לויט וויא עס שטעהט אויבען אין דער קלייגער געאגראפיע. דאס ווארט וגבול וואס שטעהט אין פסוק ווייזט אויף דיא ווישפעס וואס אין ים הגדול, אז האלבע ווישפעס האבען דעם איינגעם דין וואס ארץ ישראל. אונ וואס עס שטעהט נאך אמאל „זה" יהיה לכם גבול ים, בעווייזט אז מען זאלל קיין טעות נישט האבען אונ קלערען אז דער גאנצער ים הגדול איז ארץ ישראל ביז דעם אנדערן ברעג וואס ער איז ארום דער לאנד כוש, זאגט דער פסוק „זה" דאס איז אקוראט וויא דער פסוק וואלט געוויזען מיט אפינגער „דאס" איז דער גרעניץ פון ארץ ישראל דער ברעג פון ים הגדול וואס געפינט זיך ארום ארץ ישראל.

היינט וועל איך בעשרייבען דיא ערטער וואס שטעהען ארום ים התיכון וואס הייסט ים הגדול, פון דרום זייט וואס דארטין שטעהט דער טייך פון מצרים וואס הייסט „שיחור" ביז צפון פון ארץ ישראל ביז דער שטאדט וואס הייסט „בירותא".

איהר זאלט וויססען מיינע ליעבע לעזער אז וואו עס געפינט זיך דיא נאנג פיער חיארסט רעכינט זיך דאס א שעה נאנג, אונ אזוי עס געפינט זיך א טאג נאנג, מיינט מען דאס פערציג וויארסט.

„גמל עזה" צום ערשטען איז דאס נעהמען איין ארט אויף שיפפען שטעללען, איין אפשטעלל פון אלכסנדריא אין ארץ ישראל, אונ יעטצט איז זיא חרוב, אונ פישער וואהנען דארטין.

רופיא

„רופיא" איין קליין דארפעל ארום ים, פינף ווייארסט פון גמל עזה.

„נחל בשור" דאס איז געוועזן איין טאהל ארום רופיא, אין זוממער צייט נעפינט זיך אין איהם נישט קיין וואססער. „עזקא" איז וויים פון עזה פערציג וויארסט דערנאך איז איין ארט וואס רופט זיך „מארומה", דיא שטאדט איז יעצט חרוב, נאך דעם איז פאראנען איין שטאדט וואס הייסט „דורין", אדער זיא רופט זיך „דרום", וויים פון עזה דרייסיג וויארסט, זיא איז איין יודישע קאלאניע פון לאנג, היינט רופט מען זיא „רחובות" זיא שטעהט ארום עקרון. „נחל גרר" אטאהל, זוממער צייט איז אין איהם נישט דא קיין וואססער. דאס מוז איך געבען צוא פארשטעהן אז וואו עס שטעהט דאס ווארט „נחל", „עמק" אדער „בקעה" איז דאס אלץ אזוינע ערטער וואס זענען ווינטער מיט וואססער, אונ זוממער נישט. מעהר נישט וויא „נחל מצרים", חאטש מען רופט זיא אויך נחל, פון דעסטוועגען האט זיא אין זיך וואססער אגאנץ יאהר. „עזה" יעצט רופט זיא זיך גזה זיא איז וויים פון חברון פערציג וויארסט, דאס איז דער ארט וואס שמשון הגבור האט געשלאגען דיא פלשתים אונ איז אויך מיט זייא געטוידט געווארען, היינט איז זיא אגרויסע שטאדט, אונ איין קליינער פארט צוא שיפפען, זיא איז וויים פון ים אכט וויארסט. „מימיה" אקליין דארפעל ארום ים. „אשקלון", וויים פון עזה צוועלף וויארסט, ווערט גערעכינט צוא יהודה. אין אשקלון איז פאראן איין ברונען וואס רופט זיך, „ביר אבראהם", זיא (דיא שטאדט) איז געבויעט אויף איין נייעם ארט, דיא אלטע איז חרוב, אונ רופט זיך אשקלין. „מקדה" אקליין דארפעל ארום ים. „אשדוד" צעהן וויארסט פון אשקלון. זיא רופט זיך יעטצט „אסדוד", זיא האט זיך גערעכינט אין דיא שטאדט פון פלשתים, אונ יעטצט איז זיא אין חלק יהודה. „נחל שרוק", ער געפינט זיך אין פלשתים, זוממער צייט אהן וואססער. „בית דגון" דאס איז איין ארט פון עבודת אלילים (געצין-דינסט) צוא דיא פלשתים, אונ יעטצט איז דער ארט חרוב. „מי הירקון" אפיק, שטענדיג מיט וואססער, אונ געפינט זיך אין פלשתים לאנד. „עקרון" רעכינט זיך אויך צוא יהודה, וויים פון אשדוד זעכצעהן וויארסט, אונ פון ים צוויי-אונצוואנציג וויארסט, יעטצט רופט זיא זיך „עקר". זיא איז היינט אקאלאניע פון יודען אונ רופט זיך „מזכרת בתיה". דיא מאאס פון דיא ערד וואס געהער צוא דיא יודען איז פיערטויזענד דונאם, ד"ה פיערהונדערט רוסישע דעסיאטינעס (10 דונאם איז 1 דעסיאטין). הייזער יודישע געפינט זיך אין איהר ביז צוואנציג. „יבנה" „אשדוד" „עקרון" זענען נאהנט איינע צוא דיא אנדערע, פון יבנה אין אשדוד איז צוועלף וויארסט, אונ קיין עקרון איז 18 וויארסט. פון יבנה אין לוד איז צוועלף וויארסט. יבנה איז אמאל געוועזן איין הויפט שטאדט, יעטצט איז זיא איין קליין דארפעל, ארום יבנה געהט דער נחל פלשתים, אונ ער איז נישט שטענדיג אין וואססער. „יפו" דאס איז איין גרויסע שטאדט איין אלטע, זיא שטעהט אויפ'ן ברעג ים התיכון, אין איהר איז אגרויסער געשעפט פון שיפפען. פון יפו קיין ירושלים איז דרייא אונ זעכציג וויארסט, פון יפו אין חברון איז אכט אונ פופציג וויארסט, פון יפו קיין אלכסנדריא של מצרים איז מיט'ן ים דריי טאג

ריין



ריין, אונ מיט דער יבשה איז דריי הונדערט אונ זעכציג וויארסט. דעם כלל דארף מען וויססען, אז מען וואלל מעסטען מיט א מאססשטאב וועט אויסקומען פיעל וועניגער, דאס איז מחמת דיא קרומקייט פון דיא וועגען, אונ צוליעב דיא בארג אונ טאהלען. פון יפו אין יבנה איז פיערצעהן וויארסט, אונ קיין רמלה צוויי אונ דרייסיג וויארסט מיט'ן באהן. „אכשף" אקליין דארפ'ל ארום ים. „עמק השרון" אטאהל אויף איין גלייכען ארט אהן וואססער. „אפולני" אקליין דארף אונ היינט איז זיא חרוב געווארען. „ביתר" אמאל געוועזן אהויפטשטאדט אגרויסע, וויים צוועלף וויארסט פון ים אונ פינף וויארסט פון אפולני, יעצט איז זיא איין קליינע שטאדט. „קסריה" אוויסטע אונ איין פוסטע שטאדטעל ארום ים התיכון, עס זיצען דארטין פישער. „עין דור" געוועזן אמאל איין הויפט שטאדט, אונ יעצט איז זיא איין קליין דארפ'ל. „מקדיאן" איין קליינער דארף ארום נחל קישון, נאהנט צום ים התיכון, היינט איז זיא ניטא. „משאל" איין שטאדט וואס איז געוועזן שייך צוא דיא לוים. „עקבאמאניע" ארום נחל קישון נאהנט צום בארג כרמל, איין קליינער דארף. „נחל קישון" נישט שטענדיג מיט וואססער, פאלט אריין אין ים התיכון ארום דעם בארג כרמל. ארום נחל קישון געפינט זיך אשטאדט „יזרעאל" אונ אטאהל וואס רופט זיך „יזרעאל", דער טאהל איז נישט שטענדיג מיט וואססער. „הר הכרמל" געפינט זיך ארום ים, אונ געהט אריין אין ים דיא לענג אויף צעהן וויארסט. ער נעהמט פון מערב צו מזרח ביז דער שטאדט „שומרון". זיין ארט איז ארום ארץ הגליל, זיין הויך איז טויזענד פינף הונדערט פוס (זיבען פוס-אסאזשען), אונ דער בארג איז פול היילען, דער נחל קישון געהט ארום ברעג בארג. „חיפה" (יעטצט רופט זיא זיך „קייפא") א גרויסע שטאדט געבויעט אויפ'ן ברעג ים. אמאל איז זיא געוועזן אהויפט שטאדט, אונ יעצט איז זיא א גרויסע האנדעלסשטאדט, מיט אפארט פון שיפפען. פון חיפה אין ירושלים איז הונדערט פינף וויארסט. פון חיפה ביז צפת פופציג וויארסט. פון חיפה אין עכו צוואנציג וויארסט, פון חיפה אין דמשק איז געמאכט געווארען אין יאהר תרס"ט איין שטיינערנע וועג (איין שאסעע). „לשון ים התיכון" צווישען דעם בארג כרמל אונ צווישען עכו. „עכו" איז שייך צוא שבט אשר: אהאלבע שטאדט איז היילינג וויא ארץ ישראל. אמאל רופט זיא זיך „משער הדגים" ווארום דארטין האט מען פיעל פיש. פון עכו אין צפת פופציג וויארסט, עכו איז אגרויסער פארט צוא שיפפען. אויף אראביש לשון רופט זיא זיך „אקרא", אויך „פאטאלאמעאום". איינציגע מענשען פון דער שטאדט ציון מיט נאך מענשען האבען געקויפט איין שטיק ערד פון דעם זייט כרמל ארום חיפה, צוויא וויארסט פון עכו, פינף טויזענד דונאם (ד"ה פינף הונדערט דעסיאטין) ביז נחל קישון, דערנאנצער ברעג ים. פון עכו ביז חיפה איז יעצט שייך צו יודען. פון עכו אין יפו זעקס שעה רייז מיט'ן ים. „כזיב" אקליין דארפ'ל פון עכו אכט וויארסט, אלאנגעריגע קאלאניע פון יהודים, געפינט זיך אין צפון פון עכו. „כזיב" שטעהט פינף אונ דרייסיג וויארסט פון עכו, זיא רופט זיך יעטצט „אכזיב", אויף אראביש רופט זיא זיך „אנדי-באפא" זיא שטעהט נאהנט צום ים התיכון. דיא ווייספעס פון ים, איינע רופט זיך „קיברים" אויך

קאפרים

"קאפרים", אויף אראביש לשון רופט זיך קארפוס. צוא מזרח האט זיא דעם דין פון ארץ ישראל, צו מעריב דעם דין פון חוץ לארץ. דיא וויספע "רודים" אויף אראביש רופט זיא זיך "ראפאדוס", אויך האלב ארץ ישראל אונ האלב חוץ לארץ. דיא וויספע "ציפורי" איז דורך חוץ לארץ. "נהר נעמן", דורכ'ן נאנצען יאהר אין וואססער. אין דעם טייך געפינט מען היינט אויך שאלעכטס פון חלזון. דיא שטאדט "קאפלוריא", אמאל איז זיא געשטאנען אויפ'ן שפיץ הר ההר, יעצט איז זיא חרוב אונ ניטרא. "הר ההר", דער בארג שטעהט אין צפונית מערבית פון ארץ ישראל, אונ דאס איז נישט דער הר ההר וואו אהרן הכהן איז געשטארבען, יענער הר ההר שטעהט אין מזרחית דרומית פון ארץ ישראל, ארום דעם מדבר וואס דיא יודען זענען געגאנגען. דער הר ההר רופט זיך אויף תלמוד לשון "הרי אמנה", אויף ערבי לשון רופט ער זיך "מאנטהאר". דער בארג ציהט זיך פון הר הלבנון, אונ ציהט זיך אריין אין ים וויא אויספע אויף אבציג וויארסט. וויא אלטע לייט זאגען איז דארטין געוועזען דער ברית בין הבתרים, ד"ה גאטט האט דארטין פארשניטין מיט אברהם דעם זיכערהייט. דיא ישמעאלים רופען דעם ארט "מעסער-אל-טאר". אויף דיא בארג איז פאראן גוטע קוואלען אונ בוימען פון במינים שקדים, ד"ה ניסס אונ מאנדלען. דיא קרומקייט פון בארג הר ההר, דער דרום זייט איז שייך צוא ארץ ישראל, דער זייט צפון איז חוץ לארץ. "צור", אין איהר איז געוועזען חירם מלך צור, זיא איז געוועזען נאהנט צום ים, אונ דער ים האט זיא צוגעדעקט, איז זיא געבליבען איין קליין דארפיל אונ פישער זיצען דארטין. היינט האט זיך אויסגעבויעט נאהנט צוא דער שטאדט נאך איין שטאדט, זיא רופט זיך אויך צור. פון צור אין צידון פערציג וויארסט. פון צור צוא הר ההר צוועלף וויארסט, היינט רופט זיך דיא שטאדט צור "טורוס". "צרפת", איין קליינער דארף, וואס אין איהם איז אמאל געוועזען באהאלטען אליהו הנביא, געפינט זיך צווישען צידון אונ צור. אויף ערבי לשון רופט ער זיך "תרפאן". ער שטעהט אויף ברעג ים נאהנט צוא צידון. "צידון" איין ברעג פון חלק זבולון, אונ איין ברעג פון חלק אשר, אויף ערבי לשון רופט זיא זיך "זייד" אדער "צײדא". ווייט פון צרפת צוועלף וויארסט. פון צידון אין בירותא פיער אונ צוואנציג וויארסט, זיא שטעהט אויפ'ן ברעג ים. "סוגוד" צוועלף וויארסט פון צידון. צוא דרום פון סוגוד געהט איין טייך "מורנים" אונ צוא צפון געהט איין טייך "אלטאמור" זייא געהען פון קליין אניא, אונ פאלען אריין אין ים התיכון. דיא שטאדט סוגוד איז פאראנן אי היינט. "בורית" היינט רופט זיא זיך "בירותא", זיא שטעהט אויפ'ן ווינקעל פון קליין אניא, ד"ה אויף מערבית צפונית צוא סוריא. דיא שטאדט בורית איז אגרויסער ברעג צוא שיפפען, איהר האנדעל איז מיט דמשק וואס זיא איז ווייט פון איהר הונדערט אונ צוואנציג וויארסט. "לודקיא" אשטאדט וואס רופט זיך יעטצט אל-ליגא, זיא איז צוואנציג וויארסט פון הר ההר. "גבל" אשטאדט געפינט זיך אין דרום פון הר ההר אקליין ארטעל, פון זייא האט גענומען שלמה המלך אונ חירם-בויער, אבציג וויארסט פון לודקיא. "סין" אשטאדט זיא רופט זיך ראבלוס-אל-שאם, זיא געפינט זיך אויך אין דרום פון הר ההר

ווייט



ווייט פון ים אבציג וויארסט. דא איז היינט אויך אגרויסע שטאדט. "עדקא" באשטאדט נאהנט צוא סין, ווייט פון לודקיא אבציג וויארסט. "תמנת" אונ "עדולם" שטעהען אין מיטטען נחלת יהודה צוא דרום זייט פון ארץ ישראל, איין ארט פון צווייטען איז ווייט פיער וויארסט, זייא רופען זיך היינט אויך מיט דיא נאמען וואס אמאל. צוא דרום פון הר ההר איז פאראנן איין שטאדט וואס רופט זיך "גוש חלב", אויף ערבי לשון רופט זיא זיך "דום-חלאב". צוא דרום פון בירותא איז איין קליינער דארף ארום ים התיכון, ער רופט זיך "חולדאה".—

וזה יהיה לכם גבול צפון, מן הים הגדול תתאו לכם הר ההר. מהר ההר תתאו לבוא חמת, והיו תוצאות הגבול צדדה. ויצא הגבול זפרונה, והיו תוצאותיו חצר עינן, זה יהיה לכם גבול צפון. והתאויתם לכם לגבול קדמה מחצר עינן שפמה. וירד הגבול משפם הרבלה מקדם לעין, וירד הגבול ומחה על כתף ים כנרת קדמה. וירד הגבול הירדנה והיו תוצאותיו ים המלח, זאת תהיה לכם הארץ לגבולותיה סביב.

אונ דאס וועט זיין צוא אייך דער גרעניץ פון צפון. פון ים הגדול זאלט איהר ארום רינגלען ארום דעם בארג וואס רופט זיך הר ההר. פון הר ההר זאלט איהר זיך אומקעהרען מיט דעם גרעניץ אין ארץ ישראל אריין, ד"ה צוא דרום זייט ביז חמת. חמת רופט זיך אנטוכיא, אויך רבלתה, געפינט זיך צוא מזרח פון הר ההר צוואנציג וויארסט ווייט. "והיו התוצאות" דא מוז מען טייטשען "תוצאות" אפארקעהרונג פון גבול צוא צפון זייט, ד"ה דער גרעניץ געהט צוא צפון זייט אין דער קרים ביז צדדה, פון צדדה געהט דער גבול ווייטער אין דער קרים צוא צפון זייט ביז זפרונה, אונ דעריבער שטעהט דא ויצא, ד"ה עס זאל ארויסגעהן קרומער וויא פריהער איז געוועזען. והיו תוצאותיו חצר עינן, דא איז טייטש דער ווארט תוצאותיו אבעג פון גרעניץ. זה יהיה לכם גבול צפון, איבערגעענדעט איבער אנייעס דיא ווארטער, מען זאל וויססען אז עס לאזט זיך אויס דער גרעניץ פון צפון ארום חצר עינן, נישט וויא דיא וואס זאגען אז שפם איז דער ברעג פון צפון. והתאויתם לכם לגבול קדמה, ד"ה איהר זאלט זיך נעמען פון חצר עינן אין דער קרים (דאס ווארט "והתאויתם" איז טייטש ארום רינגלען) אין דרום זייט אין דער הויך און געקעהרט צוא מזרח ביז שפם, ד"ה שפם זאל זיין אין דער הויך פון גרעניץ, אונ דער גרעניץ זאלל געהן אין מערב זייט פון שפם, שפם שטעהט פון ירדן צוועלף וויארסט, דא איז נישט דער גרעניץ דער ירדן. וירד הגבול, ד"ה דער גבול זאלל האבען איין אראפ לאזונג פון מזרח צוא מערב, ד"ה פון שפם אין רבלה. רבלה שטעהט אויפ'ן גרעניץ, דא איז אויך דער ירדן נישט דער גרעניץ. מקדם לעין, ד"ה דער גבול דארף געהן אין מזרח פון עין, עין דארף זיין ארץ ישראל אונ דער גרעניץ געהט העכער פון איהם. וירד הגבול דא געהט ווייטער נידעריג דער גרעניץ פון מזרח צוא מערב, אונ געהט אריין אין ים כנרת, ד"ה דער ים כנרת רעכנט זיך אין ארץ ישראל, אונ דער ירדן וואס געהט אין מזרח פון ים כנרת רעכנט זיך פאר אגרעניץ צוא ארץ ישראל. וירד הגבול הירדנה, דער גרעניץ געהט נאך נידעריגער, פון מזרח

צוא

צוא מערב אונ געהט גלייך מיט'ן ירדן, והיו תוצאותיו ים המלח, דער טייטש פון תוצאותיו עס לאזט זיך אויס דער גרעניץ.

ביז דאנען האב איך מפורש געוועזען דעם ארום אונ ארום פון ארץ ישראל, יעטצט וועל איך אייך שרייבען דיא גרענעצין פון יעדער שבט בעזונדער. צום שבט יהודה איז אנגעקומען פון טייך מצרים וואס הייסט שיחור ביז צפון פון ירושלים, גאנץ דרום פון ארץ ישראל ביז דעם ארט קרית יערים, אונ דארט ווערט ער ברייטער ביז עטרות אדר. פון עטרות אדר געהט ער נישט ביז מערב ד"ה ביז'ן ים הגדול, ווארום אנמקעגין דעם חלק פון יהודה, איז דארטין דער חלק פון שבט שמעון. שמעון'ס חלק איז צוא מערב פון יהודה, אונ צוא צפון אויך פון יהודה, דארטין געפינען זיך דיא שטאדט צרעה ואשתאול. דעם שבט בנימין איז פון ירושלים ביז שילה, אונ ביז יריחו. צום שבט אפרים – פון שילה ביז גזר. צוא יששכר פון גזר ביז ציפורי אונ נישט דעם גאנצען מערב, ווארום אכסף איז בייא איהם אין דרום זייט, אונ איז שוין שייך צוא אשר. צוא שבט זבולון פון ציפורי ביז עכו אונ ביז צידון, אונ זיין גבול איז נישט ביז'ן ירדן, ווייל נפתלי איז אין מזרח פון זבולון, דעם שבט נפתלי – פון דרום ים טבריא ביז קדש וואס איז אין גליל. צום שבט דן ארום ים התיכון פון אכסף ביז יפו. אונ דער האלב שבט מנשה איז ארום שבט אשר אונ יששכר. דיא מאאס פון דיא ערד פון יעדער שבט: יהודה – צוויי הונדערט ווארסט; בנימן – פערציג; אפרים – אכציג; יששכר – פערציג; זבולון – הונדערט אונ זיבציג, נפתלי – אכציג; דן – פערציג; אשר – צוויא הונדערט צוואנציג ווארסט. שמעון אונ מנשה צווישען דיא ברידער.

## אות מ.

היינט וועל איך אנהויבען באשיידען דיא גרעניצין פון דעם ארט סוריא, מיט אללע שטאדט וואס געפינען זיך דארטין.

מקצוע. דער ווינקעל פון מערבית דרומית צו סוריא, (וואס זיא רופט זיך „ווידין", אונ אויף אראביש רופט זיא זיך „אל-דע-שע-זיר". דיא לאנד האט איינגענומען דוד המלך עליו השלום) ויא איז אין ווינקעל פון דעם בארג וואס רופט זיך הר ההר וואס איז גענאנט געווארען אויבען, אונ אללע שטאדט וואס געפינען זיך אין צפון ארץ ישראל זענען זייא דרום צוא סוריה, ד"ה חמת, צדדה, ופרונה, חצר עינן, אונ האבער צוא מזרח זייט שטעהט דיא שטאדט „דמשק", ויא איז אויך אין דרום פון סוריא, אונ זיא רופט זיך אויך סוריא. דמשק רופט זיך אל-שאם, אונ רופט זיך ארם, דען דער גאנצער שטיק סוריא רופט זיך מיט דעם נאמען ארם, ווייל אין איהם געפינט זיך צווייא ארם, ארם נהרים אונ ארם צובה. צוא מזרח פון סוריא, איז דער ארט וואס רופט זיך „מדבר סוריא", א גרויסער מדבר, ער האפט ביז פערסיא. אויך שטעהט אין מערה סוריא דאס

לאנד



לאנד „בבל" וואס איך וועל בעשרייבען אין אות נ'. צוא צפון סוריא שטעהט דער טייך חבקל, אונ דיא שטאדט ארם נהרים אונ ארם צובה. סוריה שטעהט אויפ'ן ווינקעל פון צפונית מערבית צוא סוריא. צוא מערב איז דער בארג לבנון.

**ארץ ארם דמשק**, איהרע גרענעצין צו מזרח זייט איז דער מדבר סוריא, צוא דרום זייט דיא לאנד בשן. צוא מערב זייט דער גרויסער בארג חרמון.

